STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03359

PYER UN LUTSYE

Romain Rolland

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

פּיער און לוציע

ראָמען ראָלאַן

פּיער און לוציע

פון פראַנצויזיש: מ. טייכמאַן.

אידישע פאָלקס ביבליאָטעק
Montreal מאָנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

פאַרלאַג קולטור-ליגע, ווארשע 1926.

Romen Rolan, Piotr i Lucja

Wyd. Kultur-Liga Leszno 40 m. 11.

Odbito w druk. „Korona“ Warszawa, Karmelicka 5a.

AMORI

Pacis Amor Deus
(Properce).

דאָס דערציילטע געשעעט:

פון מיטוואָך אָוונט דעם 30 יאַנואַר ביז
דעם הייליקן פרייטאָג פון 29 מערץ 1918

7234

פיער האָט זיך אריינגעריסן אין מעטראָ *). א ברוטאלער און פיבערנדיקער המון. שטייענדיק נעבן אריינגאנג, צוגעדריקט פון א סך מענטשלעכע קערפּערס, און אַריינעטעמענדיק די שווערע לופט, וואָס איז ארויס פון זייערע מײַלער, האָט ער (נישט זעענדיק זיי) געקוקט אויף די שוואַרצע קראכנדיקע געוועלבן, איבער וועלכע ס׳האָבן זיך געגליטשט די גלאַנציקע אפּלען פון צוג. אין זיין נשמה זענען געווען די זעלבע שאָטנס, די זעלבע אָפּשיינען — רויע און צאַפּלענדיקע. שטיקנדיק זיך אין אויפגעשטעלטן קאָלנער פון זיין מאנטל, מיט אָרעמס צוגעקלעפּטע צום לייב און פארביסענע ליפּן, מיט א שטערן נאס פון שווייס און מאָמענטנווייז א געפרוירענעם מחמת א פלוצלינגדיקן ווינט-בלאָז בעתן עפענען די טיר, האָט ער זיך באמיט גאָרנישט נישט צו זען, האָט ער זיך באמיט נישט צו אָטעמען, נישט צו טראכטן, — נישט צו לעבן. דאָס הארץ פון דעם יונגן אכצניעריקן בחור, כמעט א קינד נאָך, איז פול געווען מיט אומקלאָרן יאוש. איבער אים, איבער דער חשכות פון די געוועלבן, פון אָט דער מויזנלאָך, דורך וועלכע ס׳טראָגט זיך דאָס מעטאלענע פארזעעניש, אָנגעפּראָפּט מיט מענטשלעכע לייבער, — איז געווען פאריז, שניי, קאלטע יאנואר-נאכט, קאשמאר פון לעבן און טויט, — די מלחמה.

די מלחמה. זי דויערט שוין ס׳פערטע יאָר. זי האָט זיך שווער געלייגט אויף זיין יוגנט. זי האט אים געטראָפן אין

*) אונטערערדישע באַן.

צייט פון יענעם מאָראַלישן קריזיס, ווען דעם יוגנטלעכן באַפאַלט א אומרו, ביים דערוואַכן פון זיינע חושים און ער אַנטדעקט אין זיך מיט שטוינונג חיהשע, בלינדע, צעשמעטערנדיקע לעבנסכּוחות, וואָס וואַרפן זיך אויף אים, ווי אויף זייער רויב, — בעת ער האָט דאָס לעבן גאָרנישט פאַרלאַנגט! און אויב ער איז דערצו נאָך אַזוי איידל, צאַרט און שוואַך ווי פיער, פילט ער אַזא אומחן, אַזא עקל, — ער וואַגט עס נישט א צווייטן אָנצופאַרטרויען — צו דער גאָרער ברוטאַלישקייט, צום שמוץ, צום אומזין פון אָט דער פּרוכטבאַרער און פאַרלענדנדיקער נאַטור — ווי דער חזיר, וואָס פרעסט זיינע אייגענע אינגעווייט. יעדער יוגנטלעכער, צווישן זעכצן און אכצן יאָר, איז אַביסל האַמלעטיש. פאַרלאַנגט נישט פון אים, ער זאָל פאַרשטיין די מלחמה (גוט פאַר אייך, רייפע מענער!). ער האָט געַנוג צו טון מיטן פאַרשטיין און פאַרענטפערן דאָס לעבן. געוויינטלעך, פאַרגראָבט ער זיך אין טרוימען און אין קונסט, ביז ער געוויינט זיך צו צום נייעם גלגול, ביז די נימפע פאַרענדיקט זיין אומוואַנדלונג פון א לאַרווע אין א שמעטערלינג. וויפל רו און קאָנצענטרירונג ער דאַרף האָבן אין די דאָזיקע אומרואיקע אַפּריל-טעג פון זיין רייף-ווערנדיקן לעבן! אָבער מ׳זוכט אים אויף אין זיין באַהעלטעניש, מ׳רייסט אים ארויס פון שאָטן, — ווי צאַרט ער איז נישט אין זיין פרישער הויט, און מ׳וואַרפט אים אין דער שאַרפער לופט, צווישן רויען מענטשלעכן מין, מיט וועלכן ער מוז זיך זינלאָז גלייך פאַרבינדן, און נישט פאַרשטייענדיק מיטמאַכן דעם גאַנצן האַס און שגעון.

פיער איז גערופן געוואָרן אין מיליטער, מיט אַלע פון זיין יאָרגאַנג — אַכצניעריקע קינדער. אין זעקס חדשים ארום וועט דאָס פאָטערלאַנד באַדאַרפן זיין פלייש. די מלחמה פאַרלאַנגט דאָס. זעקס חדשים אויף איבערכאַפּן דעם אָטעם. זעקס חדשים! ווען מ׳וואָלט כאָטש איצט געקאָנט וועגן דעם נישט טראַכטן! בלייבן דאָ, אונטער דער ערד! נישט זען מער דעם אכזריותדיקן טאָג!...

ער איז צוזאמען מיטן ברויזנדיקן צוג פארזונקען אין דער פינסטערניש און פארמאכט די אויגן...

ווען ער האָט זיי געעפנט, — איז עטלעכע טריט פון אים, אָפּגעשיידט דורך צוויי פרעמדע קערפער, געשטאנען א יונג מיידל, וואָס איז אָקאָרשט איינגעשטיגן. תחילת האָט ער מער נישט געזען ווי איר דעליקאטן פון הוט באשאָטנטן פראָפיל, א העלן לאָקן האָר אויף דער אביסל דארער באק, א שיין, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויף איר אויבערשטן קין, די דינע ליניע פון נאָז און פון דער אונטערגעהויבענער ליפּ, און דאָס האלבצעעפנטע מויל, וואָס האָט נאָך געציטערט פון איילִיקן לויפן. דורך דער טיר פון זיינע אויגן איז זי אריין צו אים אין הארצן, אריין אינגאנצן — און די טיר האָט זיך צוריק פארמאכט. דער ארומיקער טומל איז נישט געוואָרן: שטיל, רו, זי איז דאָ.

זי האָט נישט געקוקט אויף אים: זי האָט נאָך נישט געוואוסט, אז ער איז פאראן: און דאָך איז זי געווען אין אים! ער האָט געהאלטן איר בילד שטום, פארשלאָסן אין זיינע אָרעמס, און נישט געוואגט צו אָטעמען, זיין הויך זאָל זי נישט אוועקבלאָזן...

אויף דער נאָנטסטער סטאציע — א געדראנג. מענטשן האָבן שרייענדיק זיך א לאָז געטון צום שוין פולן וואגאָן. פיער איז געוואָרן אָפּגעשטויסן, אוועקגעטראָגן דורך דער מענטשלעכער פאליע: פון אויבן, איבער די געוועלבן, איבער דער שטאָט, דאָרט, הויך, הערן זיך טויבע קנאלן. דער צוג האָט געריירט. אין דער רגע איז עפּעס א מענטש, האלטנדיק די הענט אויפן געזיכט, זינלאָז אראָפּ פון די טרעפּ און אראָפּגעקייקלט זיך אויף אונטן. מ׳האָט נאָך באוויזן צו זען דאָס בלוט, וואָס האָט גערינען דורך זיינע פינגער... און ווידער נאכט און טונעל... אין וואגאָן אימה-געשרייען: „די גאָטאַס *) זענען געקומען...‟ אין דער אלגעמיינער צעטומלונג,

---

*) דייטשע עראָפּלאנען.

וואָס האָט צענויפגעהעפּט אין איינס די אָנגעהויפּטע קערפּערס, האָט זיין האנט אָנגעכאַפּט א האנט, וואָס האָט אים לייכט באַרירט. און אז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען, אז דאָס איז — זי.

זי האָט זיך נישט געפּרוווט באַפרייען. אויפן דרוק פון זיינע פינגער האָבן אָפּגעענטפערט פינגער געריירטע, אביסל פאַרפרעסטע, און באַלד האָבן זיי זיך נאָכגעגעבן מיד, גליענדיק, ליב, אָן א ריר. אזוי זענען זיי פאַרבליבן, אין שוץ פון דער פינסטערניש. די הענט ווי צוויי פייגל פאַרשפּאַרטע אין איין נעסט. און דורך דער וואַרעמקייט פון זייערע דלאָניעס איז דאָס בלוט פון זייערע הערצער געפלאָסן אין איין שטראָם, זיי האָבן זיך נישט גערירט. זיי האָבן זיך קיין וואָרט נישט געזאָגט. זיינע ליפּן האָבן כמעט אָנגערירט דעם לאָק אויף איר באַק און דעם עק פון איר אויער. זי האָט נישט געקוקט אויף אים. צוויי סטאַציעס ווייטער האָט זי זיך פון אים באַפרייט און ער האָט זי נישט איינגעהאַלטן; זי האָט זיך דורכגעגליטשט צווישן די קערפּערס און איז אוועק.

אז זי איז פאַרשוווּנדן, האָט ער געוואָלט איר נאָכלויפן... צו שפּעט. דער צוג איז געלאָפן. ביים צווייטן אָפּשטעל איז ער אראָפּ. ס'איז געווען א נאַכטיקע לופט, א קוים באַמערקלעכער שוועבן פון געציילטע שנייפליטערלעך, און די דערשראָקענע שטאָט, פאַרזונקען אין פּחד, איבער וועלכער ס'האָבן געשוועבט אין דער הויך מלחמה-פייגל. אָבער ער האָט נאָר געזען די, וואָס איז געווען אין אים; ער איז אהיימגעגאַנגען, האַלטנדיק מיט האַנט פון דער אומבאַקאַנטער.

פיער אָביער האָט געוואוינט ביי זיינע עלטערן, נישט ווייט פון סקווער קלוני. זיין פאָטער איז געווען א ריכטער; זיין ברודער, מיט זעקס יאָר עלטער פון אים, האָט געדינט פון אָנהויב מלחמה אָן. ס׳איז געווען אָן עכט פראנצויזישע גוטע בורזשואזע פאמיליע; וואוילע, ליבהארציקע, הומאנע לייט, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוואגט צו דענקען זעלבשטענדיק, און האָבן, ווארשיינלעך, נישט חושד געווען אפילו, אז ס׳קאָן אנדערש זיין. זייענדיק טיף ערלעך און האָבנדיק א הויכע פאָרשטעלונג וועגן די פליכטן פון זיין אמט, וואָלט דער ריכטער אָביער אָפּגעוואָרפן ווי א טיפע באליידיקונג יעדן חשד, אז זיינע אורטיילן קענען דיקטירט ווערן דורך אנדערע מאָטיוון ווי די שטים פון זיין געוויסן. אָבער די שטים פון זיין געוויסן האָט קיינמאָל נישט גערעדט (זאָגן מיר בעסער: נישט געמורמלט) קעגן דער רעגירונג. דאָס איז געווען א געבוירענער באאמטן-געוויסן, וואָס האָט וועגן אלץ געדענקט אין שייכות מיט דער מלוכה, פארשידנארטיק, אָבער תמיד אָן טעות. מאכט-אָרגאנען זענען פאר אים געווען א הייליקע זעלבפארשטענדלעכקייט. ער האָט אויפריכטיק פארהערלעכט די בראָנזענע נשמות, די גרויסע פרייע און נישט בויגזאמע ריכטער פון דער פארגאנגענהייט; און האָט אין געהיים, קען זיין, גערעכנט, אז ער געהער אויך צו זייער משפחה. דאָס איז געווען א קליינינקער מישעל דע ל׳האספיטאל, וואָס האָט געהאט הינטער זיך א גאנצן יאָרהונדערט פון רעפּובליקאנישער דינסט. — וואָס איז שייך דער מאדאם אָביער, איז זי געווען פונקט אזא גוטע

קריסטין, ווי איר מאן—א רעפּובּליקאנער. אזוי אויפריכטיק, ווי ער איז געווען א געהאָרכזאמער אינסטרומענט פון דער מאכט קעגן יעדער פרייהייט, וואָס איז נישט לעגאל, — אזוי אויפ־ריכטיק האָט אויך זי אין דער ריינסטער כּוונה פאררייניקט אירע תּפילות מיט יענעם מענטשנמערדערלעכן כאָר, וואָס קאטוילישע גלחים, פּראָטעסטאנטישע פּאסטארס, רבנים און פּאָפּן, פּרעסע און וואויל־דענקנדיקע מענטשן האָבן יענע צייט געבילדעט אין אלע לענדער פון אייראָפּע.— און ביידע, דער טאטע און די מאמע, האָבן פארגעטערט זייערע קינדער. זיי האָבן ווי עכטע פראנצויזן נאָר פאר די קינדער געהאט אמתע צוגעבונדנקייט, זיי וואָלטן פאר זיי אַלץ מקריב געווען, און, כּדי נאָכצוטון אנדערע, זיי אליין מקריב געווען, אָן קווענק־לעניש. פאר וועמען? פאר א נישטגעקענטן גאָט? אברהם האָט געפיוט יצחקן צו דער עקידה—דאָס איז פאר אלע צייטן. און זיין רומפולער שגעון דינט נאָך עד היום פאר א ביישפּיל פאר דער עלנטער מענטשהייט.

אין אָט דעם משפּחה־קרייז איז, ווי ס'טרעפט אָפט, די צו־געבונדנקייט געווען זייער גרויס, אָבער ס'האָט געפעלט די אינטימלעכקייט. ווי האָט איינער געקענט פריי איבערגעבן זיינע געדאנקען דעם צווייטן, אז יעדער האָט אויסגעמיטן אריינצוקוקן טיפער אין זיין אייגענער מחשבה? וואָס זיי זאָלן נישט פילן, האָבן זיי תּמיד געדענקט, אז מ'דארף היטן געוויסע דאָגמעס; און אויב ס'איז גענוג אומבאקוועם מיט די דאָגמעס— רעליגיעזע — וועלכע טרעטן נישט אריבער געוויסע גרעניצן, וואָס זאָל מען שוין זאָגן, ווען זיי פארמעסטן זיך אריינצומישן אין לעבן און עס איינגאנצן באהערשן, ווי עס טוען דאָס אונזערע וועלטלעכע פארפליכטנדיקע דאָגמעס! פרוווט פאר־געסן די דאָגמע פון פאָטערלאנד! די נייע רעליגיע האָט אונז צוריקגעשטויסן צו דער ביבל. זי באגנוגנט זיך נישט מער מיט פרומע תּפילות, מיטן אומשולדיקן, היגיענישן און קאָמישן ריטואל פון א ווידוי, א פרייטאָג־תּענית, זונטאָג־רו, וואָס האָבן ארויסגערופן התפּעלות ביי אונזערע „פילאָזאָפן” אין די צייטן,

ווען „ס'פאָלק איז געווען פריי", — אין די צייטן פון די קעניגן: זי וויל אלץ, זי באפרידיקט זיך נישט מיט א טייל; זי וויל דעם גאנצן מענטשן, זיין גוף, זיין בלוט, זיין לעבן און זיין געדאנק: קודם-כל זיין בלוט. פון די מעקסיקאנער אצטעקן אָן האָבן זיך די געטער נאָך קיינמאָל אזוי צו דער זעט נישט אָנגעפרעסן. און ס'וואָלט געווען א אומרעכט צו זאָגן, אז די גלויביקע האָבן נישט געליטן. זיי האָבן געליטן, אָבער — גע-גלויבט. אָ, אָרימע ברידער-מענטשן, וואָס זעען אין די ליידן גופא אויך א באווייז פון געטלעכקייט!... הער און מאדאם אָביער האָבן געליטן ווי אלע אנדערע, און ווי אלע אנדערע געגלויבט. אָבער פון א יוגנטלעכן קען מען נישט פארלאנגען אזא פארלייקענונג פון אייגענעם הארץ, פון אלע חושים, פון שכל הישר. פיער האָט ווייניקסטנס געוואָלט פארשטיין, וואָס ס'דריקט אים. וויפיל פראגן האָבן אים געבריט, וואָס ער האָט זיי נישט געקענט גאָר ארויסזאָגן! ווייל דאָס ערשטע וואָרט פון די אלע פראגן וואָלט געווען: „אָבער אויב איך גלויב נ י ש ט!" — שוין א לעסטערונג. — ניין, ער האָט נישט געקענט רעדן. זיי וואָלטן אים אָנגעקוקט מיט דערשראָקענער, באליידיקטער טפשות, מיט צער, מיט בושה. און ווייל ער איז געווען אין יענעם פלאסטישן עלטער, ווען די נשמה איז נאָך אין אזא דין הייטעלע, אז זי שרומפט זיך ביי יעדן מינדסטן בלאָז פון דרויסן, און פורעמט זיך צאפלענדיק אונטער זיינע פאר-באָרגענע צורירן, האָט ער לכתחלה אליין געפילט זיך אומעטיק און פארשעמט. אָך, ווי זיי גלויבן דאָס אלע! (האָבן זיי טאקע אלע געגלויבט?) ווי קאָנען זיי דאָס? מ'האָט נישט געטאָרט פרעגן. ווער ס'גלויבט נישט אין א סביבה פון גלויביקע איז ווי איינער, וואָס פעלט אים א גליד, אפשר אן איבעריקער גליד, אָבער פאָרט אזא, וואָס אלע ארומיקע האָבן אים; שעמעוודיק באהאלט ער פאר אנדערע זיין נאקעטקייט.

דער איינציקער, וואָס וואָלט געקענט פארשטיין די יסורים זיינע, איז געווען זיין עלטערער ברודער. פיער האָט פאר-געטערט פיליפן, ווי קליינע קינדער פארגעטערן אָפט (זיי צא-

האלטן דאָס אייפּערזיכטיק) עלטערע — א ברודער, א שוועסטער, א פרעמדן באגלייטער, אָפּט אפילו בלויז א אויגנבליקלעכע וויזיע – וואָס פארקערפּערן אין זייערע אויגן דעם טרוים פון דעם, וואָס זיי וואָלטן אליין געוואָלט זיין און וואָס זיי וואָלטן געוואָלט ליב האָבן: אומשולדיקע התפעלות פאר דער אומקלאָרער צוקונפט. דער עלטערער ברודער האָט באמערקט פּיערס נאאיוון יראת-הכבוד צו אים און געגרויסט זיך דערמיט. אמאָל האָט ער זיך געפּרוווט צו ליינען אין דעם ייִנגערנס האַרץ און פאַרזיכטיק אים געגעבן צו פארשטיין, ווייל הגם ער איז געוועזן רייפער, איז ער דאָך אויך געוועזן פון יענעם איידלען טייג, וואָס האָט אין זיך, ביי בעסערע מענטשן, עפּעס ווייבלעכעס. אָבער די מלחמה איז געקומען און האָט אים אוועקגעריסן פון זיין לעבן פון ארבעט, פון זיין שטודירן, פון זיינע טרוימען פון א צוואנציקיעריקן, און פון דער אינטימער פריינטשאפט מיטן ייִנגערן ברודער. ער האָט אלץ געוואָרפן אין שיכּורן אידעאליזם פון ערשטן ארויסטריט, ווי א וויינזיניקער פויגל, וואָס רייסט זיך צום רויב, אין דער הערלאָזישער און אומזיניקער איינרעדעניש, אז זיין שנאָבל און זיינע נעגל וועלן א סוף מאכן צו דער מלחמה און וועלן איינשטעלן די מלוכה פון שלום אויף דער ערד. פון יענער צייט אָן איז דער גרויסער פויגל אמאָל צוויי-דריי צוריקגעקומען אין זיין נעסט. אָבער יעדעס מאָל, ליידער, אביסל מער ארומגעפליקט. ער האָט זיך שוין באפרייט פון אסך אילוזיעס, אָבער פילנדיק זיך דערפון שטארק געטראָפן, האָט ער וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן. ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט אין זיי אמאָל געגלויבט. א טפשות — נישט צו קאָנען זען דאָס לעבן אזוי ווי ס׳איז! ער האָט זיך איצט אכזריות׳דיק געפלייסט אראָפּצורייסן פון לעבן זיין כּשוף, און נעמען עס, אָן טענות, ווי ס׳זאָל נישט זיין. נישט נאָר זיך אליין האָט ער אזוי באשטראָפט; א פיינלעכער ווייטאָק האָט אים געטריבן צו באשטראָפן זיינע אייגענע אילוזיעס אין הארצן פון זיין ייִנגערן ברודער, וואו ער האָט זיי געזען ווידער אויפלעבן. ביים ערשטן

צוריקקער, ווען פיער איז אים אנטקעגנגעלאָפן מיט זיין גליִעדיקער נשמה, האָט ער אים גלייך אָפּגעקילט מיט זיין קבלת-פנים, וואָס איז געווען, זומת, הארציק ווי תמיד, אָבער מיט עפּעס א ביטערער איראָניע אין טאָן. די פראגע, וואָס האָבן זיך פיערן געריסן אויף די ליפּן, זענען תיכף פאר-שוואונדן. פיליפּ האָט זיי געזען אָנקומען, און מיט איין וואָרט, מיט איין בליק זיי אונטערגעשניטן. נאָך א צוויי-דריי פרווון האָט פיער מיט א פארקלעמט הארץ רעזיגנירט. ער האָט מער זיין ברודער נישט דערקענט.

אָבער פיליפּ אים האָט זייער גוט דערקענט. ער האָט אין אים דערקענט דאָס, וואָס ער איז נישט לאנג אליין גע-ווען, און וואָס ער קאָן שוין מער נישט זיין. ער האָט ווי אים געהייסן צאָלן דערפאר. ער האָט שפּעטער אפילו חרטה געהאט, אָבער נישט ארויסגעוויזן עס, און ווייטער זיך אזוי געהאלטן. ביידע האָבן געליטן; און ווי ס'מאכט זיך אָפט, האָט דער אזוי קרובישער צער, וואָס וואָלט באדארפט זיי דערנענטערן, זיי נאָך מער דערווייטערט. דער איינציקער חילוק צווישן זיי צוויי איז געווען, וואָס דער עלטערער האָט דעם יינגערנס צער געזען, בעת דער יינגערער האָט געמיינט, אז נאָר ער ליידט, — און האָט נישט פאר וועמען אויסצוגיסן זיין הארץ.

פארוואָס האָט ער זיך נישט געווענדט צו זיינע שול-חברים, פון זיין עלטער? אין פלוג האָט דאָך אָט די יינגע חברה געדארפט זיך נאָענט צונויפגיין און קעגנזייטיק זיך אונטערהאלטן. אָבער נישט אזוי איז געווען אין דערווירק-לעכקייט. א טרויעריקע פאטאלישקייט האָט זיי צעזייט און צעטיילט אויף קליינע קרייזלעך, און אפילו אינעווייניק אין די קליינע קרייזלעך זיי געהאלטן דערווייטערט איינע פון צווייטן. די פשוטערע האָבן מיט פארמאכטע אויגן, מיט לייב און לעב, זיך אריינגעוואָרפן אין מלחמה-שטראָם. דער רוב אָבער האָבן זיך דערפון אָפּגעהאלטן, און זיי האָבן נישט געפילט קיין שום פארבינדונג מיטן עלטערן דור; די ליידנ-

שאפטן, האָפנונגען און שנאה-געפילן. פון אָט דעם דור זענען געבליבן פרעמד פאר זיי; זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו דער שגעונדיקער קאָמפּאַניע, ווי א ניכטערער קוקט זיך צו צו שכורים. אָבער וואָס האָבן זיי געקאָנט טון קעגן דעם שגעון? אנדערע האָבן געגרינדעט קליינע זשורנאלן, וואָס זענען באלד נאָך די ערשטע נומערן אויסגעגאנגען — ס'האָט לופט פאר־פעלט; די צענזור פלעגט קאָנפיסקירן. פראנקרייכס געדאנק האָט זיך געפונען אונטער א פנעוומאטישן צודעק. די סובטע־לערע צווישן דער יוגנט זענען געווען צו שוואך זיך אנט־קעגנצושטעלן און צו שטעלן זיך צו באקלאָגן, און האָבן געוואוסט, אז ס'וואַרט אויף זיי דאָס מעסער פון דער מלחמה. אָפוואַרטנדיק זייער ריי צו דער שחיטה, האָבן זיי זיך שווייגעדיק צוגעקוקט צו אלץ, יעדער פאר זיך, און אין יעדנס טראכטן איז געווען אביסל פאראכטונג און א סך איראָניע. פון גרויס פאראכטונג צו דער שטימונג פון דער ארומיקער סטאדע, האָבן זיי זיך געוואָרפן אין א מין אינטעלעקטועלן און קינסטלערישן עגאָטיזם, אין א מין אידעאליסטישן סענסו־אליזם, וואו דער פארפאָלגטער „איך" האָט צוריקגעפאָדערט זיינע רעכט לגבי דעם מענטשלעכן כלל. א חוזק'דיקער כלל, וואָס איז באשטאנען פאר דער יוגנט נאָר דערין, וואָס ס'גייט א שחיטה און זי ווערט אויסגעפירט קאָלעקטיוו! א פריי־צייטיקע דערפארונג האָט א תל געמאכט פון זייערע אילוזיעס: זיי האָבן געזען, וואָס פאר א ווערט ס'האָבן די אילוזיעס פון זייערע עלטערע ברידער, און אז די, וואָס האָבן נישט געגלויבט אין זיי, האָבן אויך געצאָלט פאר זיי מיטן לעבן. זיי האָבן מער נישט געגלויבט אין זייערע נאָנטסטע, אין מענטשן בכלל. איבעריקנס, איז עס אין יענע טעג געווען געפערלעך זיך עמיצן אָנצופארטרויען! אלע מאָל זענען געווען פאטריאָטישע שפּיאָנען, וואָס האָבן פארמסרט עמיצנס געדאנקען, די אינטימע שמועסן, און די רעגירונג האָט אזעלכע באלוינט און צוגעגעבן זיי חשק. אזוי ארום איז די יוגנט פון אנטוישונג, פאראכטונג, פאַר־זיכטיקייט און איינזאמקייט-עקשנות געוואָרן פארפרעמדט צווישן זיך.

פיער האָט צווישן זיי נישט געקאָנט געפינען דעם האָראציאָ, וועלכן ס'זוכן אלע אכצניעריקע האמלעטס. ער האָט זיך געמיאוסט אויסצוגעבן זיינע געדאנקען פאר דער עפנטלעכער מיינונג (דער גאסן-מויד), אָבער געפילט א באדערפעניש זיי אָנצופאדטרויען א קרובישער נשמה. ער איז געווען צו איידל צו קאָנען זיך באנוגענען מיט זיך אליין. ער האָט געליטן די יסורים פון גאנצן כלל. און זיי האָבן אים דערדריקט מיט זייער ווייטאָק. ער האָט נאָך אליין פארגרעסערט דעם ווייטאָק. דען, אויב די מענטשהייט קאָן פארטראָגן אָט די יסורים, נישט געקוקט אויף אלץ, איז ווייל זי האָט א הארטערע הויט, נישט ווי די פרישע הויט פון א שוואכן יוגנטלעכן. — אָבער וואָס ער האָט נישט מגזם געווען און וואָס אים האָט געפייניקט נאָך מער ווי דער צער פון דער וועלט, דאָס איז — די אומזיניקייט פון דער זעלבער וועלט.

מ'קאָן ליידן, מ'קאָן שטארבן — אויב מ'זעט דערין א זינען. ס'איז גוט זיך מקריב צו זיין, אויב מ'פארשטייט פארוואָס. אָבער וועלכן זינען האָט דאָס לעבן מיט זיינע ליידן פאר א יונגען בחור? וואָס קען אים, א אויפריכטיקן און געזונטן, אינטערעסירן די העסלעכע רייסערייי צווישן פעלקער, וואָס האָבן זיך ווי צעיושעטע באראנעס צעטויפגעשטויסן ביים ראנד פון א אָפּגרונט, אין וועלכן זיי וועלן אָט באלד אלע ארייַנפאלן? און אין דער אמתן איז דאָך דער שליאך געבויג ברייט פאר אלעמען. צוואָסזשע דער שגעון פון זיך אליין פארניכטן? צוואָס אָט די פאטערלענדער פון גאוה, אָט די מלוכות פון רויב, אָט די פעלקער, מיט וועלכע מען לערנט. אז מאָרד איז א פליכט! צוואָס איז די גאנצע פעלקער-שחיטה? די וועלט, וואָס פארצערט זיך אליין? צוואָס איז אָט דער קאשמאַר פון דער שרעקלעכער און אומענדלעכער לעבנסקייט. האָט יעדער ריגע אידער בויערט זיך איין אין צווייטנס געגיך, זעטיקט זיך מיט יענעמס פלייש, האָט הנאה פון יענעמס צער און לעבט פון יענעמס טויט? צוואָס איז דער קאמף

און צוואָס טויג דער צער? צוואָס דער טויט? צוואָס דאָס לעבן? צוואָס? צוואָס?...

אָבער דעם אָוונט, ווען פּיצר איז אהיימגעקומען, האָט דער „צוואָס?" געשוויגן.

קיין זאך האָט זיך אייגנטלעך נישט געענדערט. ער איז ווידער געזעסן אין זיין צימער, פארוואָרפן מיט פאפירן און ביכער. ארום — די משפחה טומלען. אין דרויסן האָט אָקארשט דער האָרניסט געשפילט אויף אויס אליארם. אויף די טרעפ — א צופרידענע פלוידעריי פון שכנים, וואָס זענען ארויס פון די קעלערס. מיט א שטאָק העכער — דער מאניאקישער שפאציר פון אלטן שכן, וואָס ווארט שוין חדשים לאנג אויף זיין פארשוואונדענעם זון. — אָבער אין זיין צימער זענען מער נישט געווען די געוויינטלעכע דאגות, וועלכע ער האָט געהאט דאָ געלאָזן.

ס'טרעפט אמאָל, די הערסט א פאלשן אקארד, ער קלינגט ווי הייזעריק; ער מאכט דיך אומרואיק, ביז ס'קומט צו נאָך א נאָטע, און עס באהעפטן זיך די פיינטלעכע אָדער קעגנזייטיק פרעמדע עלעמענטן, ווי געסט וואָס קענען זיך נאָך נישט און ווארטן צו ווערן פאָרגעשטעלט — גלייך פלאצט דאָס אייז, און א הארמאָניע צעגיסט זיך איבער די גלידער. פונקט אזא מאָראלישע כעמיע, עפעס א באהאלטענער קאָנטאקט האָט אָנגעהויבן ווירקן אויך אין אים. פיער האָט נישט פארשטאנען די סיבה פון דעם שינוי. ער האָט נישט געטראכט וועגן זי אנאליזירן, נאָר ער האָט געפילט, אז די געוויינטלעכע שנאה צו אלצדינג איז פלוצלינג פארשוואונדן. אמאָל האלט אן א גרויסער קאָפ-ווייטיק שעהן-לאנג: פלוצלינג כאפט איר זיך, אז ער איז מער נישט פאראן; וואו איז ער אהינגעקומען? קוים חאָס די קלאפנדיקע שלייפן דערמאנען אָן אים... פיער האָט

מיט אומצוטרויִ זיך באצויגן צו דער נייער רואיקייט. ער האָט מורא געהאַט, אַז נאָך אָט דעם צייטווייליקן „וואָפנשטיל־שטאַנד" זאָל נישט צוריקקומען נאָך אַ גרויזאַמערער ווייטאָק. ער האָט שוין געקאָנט די שלוה, וואָס די קונסט פאַרשאַפט; ווען ס'דרינגט אַריין אין אונזערע אויגן די געטלעכע פּראָפּאָרץ פון ליניעס און פאַרבן, אָדער ווען שיינע אַקאָרדן גייען זיך צונויף און גייען זיך פונאַנדער, לויט באַשטימטע געזעצן פון האַרמאָניע, און שלאָגן זיך אָפּ אין געלאַשטשעטן אויער, ברענגט אַ פרידן אויף אונדז און אַ פרייד פאַרפילט אונדז. אָבער דאָס איז אַלץ אָפּשטראַלונג פון אַ אויסערלעכער סיבה; פון אַ זון, וואָס האַלט אונדז מיט אירע ווייטע שטראַלן פאַרכּישופט, אין דער הויך, איבערן לעבן — אָבער ס'געדויערט נאָר איין אויגנבליק — און באַלד פאַלט מען ווידער אַראָפּ. די קונסט איז קיינמאָל נישט מער, ווי נאָר אַ צייטווייליק פאַרגעסן אָן דער ווירקלעכקייט. פּיער האָט מיט שרעק געוואַרט אויף אַזאַ אַנטוישונג.— אָבער די אָפּשטראַלונג איז דאָסמאָל געקומען פון אינעווייניק. פון לעבן איז גאָרנישט געוואָרן פאַרגעסן. אָבער אין אַלץ איז עפּעס געווען אַ האַרמאָניע. די דערינערונגען, די נייע מחשבות. אפילו די פּאַפּירן, די ביכער, די מעבל פון צימער האָבן אויפגעלעבט, און ווידער באַקומען אין זיינע אויגן דעם אינטערעס, וואָס זיי האָבן געהאַט שוין אָנגעוואָרן.

חדשים לאַנג איז זיין אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג גע־האַמעוועט געוואָרן, ווי אַ יונגער בוים, וואָס ווערט אין מיטן רעכטן בליִען פאַרוועלקט פון פלוצלינגדיקע מאָרגן־פרעסטלעך. ער האָט נישט געהערט צו די פּראַקטישע יינגלעך, וואָס האָבן אויסגענוצט די פאַרלייכטערונגען אין אוניווערזיטעט פאַר די יינגערע יאָרגענג, וואָס דאַרפן גיין דינען, כּדי גיך אַרויס־צוקריגן אַ דיפּלאָם, ביז דער עקזאַמינאַטאָר קוקט דורך די פינגער. ער האָט נישט געהאַט אין זיך די פאַרצווייפלטע גיריקייט, מיט וועלכער אַ יונגערמאַן, זעענדיק דעם נאָענטן טויט, שלינגט די וויסנשאַפטן, וואָס ער וועט קיינמאָל נישט קענען אין לעבן פאַרווענדן. אַן אומאויפהערלעכער געפיל פון

פוסטקייט, פון דער פוסטקייט וואָס איז אונטער אַלץ, וואָס באַהאַלט זיך שטענדיק אויס אונטער דער אכזריות׳דיקער און אומזיניקער אילוזיע פון וועלט — האָט אַ תּל געמאַכט פון אַלע זיינע שטרעבונגען. ער פלעגט זיך אַוואַרף טאָן אויף אַ בוך, אַ געדאַנק, דערנאָך זיך אָפּשטעלן פאַריאושט. וואָס קען דאָס געבן? צו וואָס טויג דאָס לערנען זיך? צו וואָס טויג רייך ווערן, אַז מ׳דאַרף אַלץ פאַרלירן, אַלץ פאַרלאָזן, אַז גאָרנישט איז נישט דיין? כּדי די אַרבעט, דאָס לערנען זאָל האָבן אַ זינען, דאַרף קודם-כּל דאָס לעבן האָבן אַ זינען. און אָט דעם זינען האָבן קיין שום באַמיאונגען פון שכל, קיין שום תּפילות פון טיפן האַרצן נישט געקענט אויסזוכן.

און אָט איז דער זינען געקומען פון זיך אַליין... דאָס לעבן האָט באַקומען אַ זינען...

וואָס איז דען געשען? — און נאַכזוכנדיק, פון וואַנען קומט דער אינערלעכער שמייכל, האָט ער געזען דאָס האַלב-געעפענט מויל, צו וועלכן זיינע ליפן האָבן געגאַרט זיך צו צוטוליען...

אין אַ געוויינלעכער צייט וואָלט דער שטומער כּישוף בלי ספק לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אָבער אין דעם יוגנט-פּער-יאָד, ווען מ'איז פאַרליבט אין דער ליבע גופא, זעט מען זי אין אַלעמענס אויגן: דאָס דורשטיקע, אומרואיקע האַרץ זוכט זי אומעטום; עס איילט נישט אָפּצושטעלן זיך: ס'איז דער באַגינען פון זיין טאָג.

אָבער היינט קען דער טאָג זיין אַ קורצער: מ'מוז זיך איילן.

פּיערס האַרץ האָט גענומען אָניאָגן דאָס פּאַרשפּעטיקטע. די גרויסע שטעט, וואָס זענען אויס פון דערווייטנס ווי רויכער-דיקע קראַטערס פון תאוה, פאַרמאָגן נאָך אין זיך פרישע נשמות און ריינע גופים. וויפל יונגע בחורים און מיידלעך איז דאָרט פאַראַן, וואָס האַלטן טייער די ליבע און בלייבן אומשולדיק ביז צו דער חתונה! אפילו אין די ראַפינירטערע סביבות, וואו די מוח-טעטיקייט ווערט אַזוי פרי געררייצט — ס'אַרא אומ-וויסן שטעקט אין די כלומרשט פרייע פלוידערייען פון אַ וועלט-לעכער דאַמע, אָדער פון אַ סטודענט, וואָס ווייסט אַלץ און ווייסט גאָרנישט! פאַראַן נאָך אין סאַמע האַרצן פון פּאַריז נאַאיווע פּראָווינצן, קליינע קלויסטערגאָרטנס, קוואַלן-ריינקייט. פּאַריז גיט זיך אויס דורך איר ליטעראַטור. די, וואָס רעדן אין איר נאָמען, זענען די ברודיקסטע. ווער ווייסט נישט, אַז פאַלשע בושה שטערט די ריינע אָפט זיך מודה צו זיין אין זייער אומשולד. — פּיער האָט נאָך די ליבע נישט געקענט; זי האָט אים איצט צום ערשטן מאָל גערופן.

צום צוּיבער פון זיינע מחשבות איז נאָך צוגעקומען: די ליבע איז געבוירן געוואָרן אונטער די פליגל פון טויט. אין יענער רגע פון אויפרעגונג, ווען זיי האָבן געפילט שוועבן איבער זייערע קעפּ די געפאַר פון באָמבעס, ווען דאָס בלוטיקע בילד פון דעם צעקאַלעטשעטן מענטשן האָט זיי אויפגעטרייסלט, — האָבן זייערע פינגער זיך באַהעפט; און צוגלייך מיטן ציטער, וואָס איז אַדורך זייערע לייבער, האָט יעדער פון זיי דערשפּירט אַ האַרציקע קרעפּטיקונג פון אַ אומבאַקאַנטן פריינט. איין האַנט, דעם מאַנס, האָט ווי געזאָגט: „לען זיך אָן אין מיר" — און די אַנדערע, אַ מוטערלעכע, האָט פאַרטרייבנדיק איר אייגענע מורא, געזאָגט: „מיין קינד!"

דאָס אַלץ איז נישט געוואָרן געזאָגט, נישט געהערט. אָבער אַ אינערלעך פליסטערן האָט אָנגעפילט די נשמה, בעסער פון ווערטער, וואָס זענען נישט מער ווי אַ פּאַפּירענער פּאָרהאַנג צו מאַסקירן דעם געדאַנק. פּיער האָט זיך געלאָזן איינוויגן פון דעם פליסטערן. ס'איז געווען ווי דאָס געזאַנג פון אַ גאָלדענער בין אין לויטערן האַלבשאָטן פון דער לופט. טעג זענען פאַר אים אַריבער אין גליווער פון בענקשאַפט. דאָס איינזאַמע נאַקעטע האַרץ האָט געטרוימט וועגן דער וואַרעמקייט פון אַ נעסט.

אין יענע ערשטע וואָכן פון פעברואַר האָט פּאַריז געציילט די חורבנות פון לעצטן לופט-איבערפאַל און געהיילט אירע וואונדן. די פּרעסע, געפּענטעט, ווי אין אַ הינט-שטאַל, האָט געבילט וועגן נקמה, וועגן רעפּרעסיעס. און לויט דעם אויסדרוק פון „מאַן, וואָס שמידט אין קייטן", האָט די רעגירונג מלחמה געהאַלטן מיט די פראַנצויזן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער סעזאָן פון פּאַראַט-פּראָצעסן. דער ספּעקטאַקל, ווי אַ אומגליקלעכער וויל ראַטעווען זיין קאָפּ און דער פּראָקוראָר פאָדערט פאַרעקשנט אָט דעם קאָפּ — האָט געוויילט „גאַנץ פּאַריז", וועלכע האָט נאָך נישט געשטילט איר אַפּעטיט צו טעאַטער אין משך פון די פיר יאָר מלחמה מיט די צען מיליאָן טויטע הינטער אירע קוליסן.

אָבער פּיער איז געווען אויסשליסלעך פארנומען מיט זיין געהיימען גאסט, וואָס האָט אים באזוכט. א מאָדנע אינטענסיווקייט פון ליבע-וויזיעס, וואָס האָבן זיך טיף אין זיין מחשבה איינגעקריצט, הגם זיי האָבן נישט געהאט קיין שום רעאלע געשטאלט! פּיער איז נישט געווען ביכולת צו זאָגן עפּעס גענויערס וועגן אירע שטריכן, פארב פון די אויגן אָדער ליניע פון די ליפּן. אלע זיינע פּרוּוון צו פיקסירן איר בילד, האָבן עס נאָך מער מטושטש געמאַכט. ער האָט אויך קיין גרעסערן דערפאָלג נישט געהאט, ווען ער האָט זיך געלאָזן זי אויפזוכן איבער די פארייער גאסן. יעדן אויגנבליק איז ער געווען זיכער, אז אָט, ער זעט זי: דאָס א שמייכל, דאָס א יונגער ווייסער געניק, א גלאנץ אין די אויגן — און דאָס בלוט איז אים פארלאָפן צום הארצן. ס'איז נישט געווען קיין שום ענלעכקייט צווישן די שווינדנדיקע בילדער און יענעם ווירקלעכן, וואָס ער האָט געזוכט און געמיינט, אז ער האָט ליב. האָט ער זי טאקע ליב? געוויס, ער האָט זי ליב; און טאקע דערפאר האָט ער זי אומעטום געזען, אין פארשידענע געשטאלטן. ווייל זי איז געווען דורך און דורך שמייכל, ליכט, לעבן. און דאָס גענויע בילד אירס וואָלט נאָר געווען א באשרענקונג, — אָבער מען באגערט אָט די באשרענקונג, כדי ארומנעמען די ליבע און זי צו באזיצן.

און זאָל ער זי מער קיינמאָל נישט זען, ער ווייסט, אז זי איז פאראן, אז זי איז פאראן, און אז זי איז דאָס נעסט. בעת א שטורם—דער האפן. דער לייכטטורם אין דער נאכט. Stella Maris, Amor... ליבע, וואן איבער אונז אין שעה פון טויט...!

ער איז געגאנגען איבערן ברעג פון דער סענע, פאזע דעם אינסטיטוט, און צעשטרייט געקוקט די אויסשטעלונג פון איינעם פון די זעלטענע בוקיניסטן, וואָס זענען געטריי געבליבן אויף זייער פּאָסטן. ער איז געשטאנען אויפן ערשטן טרעפּל פון בריק דעז'אר. אויפהויבנדיק די אויגן, האָט ער דערזען די, וואָס ער האָט געזוכט. זי האָט געהאלטן א צייכןהעפט אונטערן אָרעם און האָט זיך ווי א יינגע אינדין אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. ער האָט זיך נישט פארטראכט קיין איין רגע; ער האָט זיך געלאָזט איר אנטקעגן, און זייערע בליקן האָבן זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט און זיך צענויפגעגאָסן. צוקומענדיק צו איר, איז ער געבליבן שטיין און האָט זיך פארוויטלט. זעענדיק אים זיך רויטלען, איז זי פון אומדערווארטקייט אויך רויט געוואָרן. איידער ער האָט באוויזן דעם אָטעם איבערצוכאפּן, איז זי שוין מיט אירע קליינע אינדין-טריט אוועק. ווען ער איז שוין אינגאנצן צו זיך געקומען און זיך אומגעקוקט, איז איר קלייד פארשוואונדן הינטער, דער קאלאנאדע, וואָס גייט ארויס אויף דער סענע-גאס. ער האָט נישט געוואָלט איר נאָכגיין. אָנגעשפּארט אין אָנלען פון בריק, האָט ער געקוקט אויף זיין אָפּשפּיגלונג אין טייך. אויף א געוויסער צייט האָט זיין הארץ געהאט נייע שפּייז... (אָ, ליבע יינגלשע נארישקייטן!)...

א וואָך שפּעטער האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבערן לוקסעמבורגער גארטן, וואָס איז פול געווען מיט גאָלדענער זון-מילדקייט. אין אָט דעם פינסטערן יאָר א זיניקער פעברואר!

א פארחלומטער, מיט אָפּענע אויגן, און נישט וויסנדיק צי חלומט זיך אים דאָס וואָס ער זעט, אָדער ער זעט דאָס וואָס אים חלומט, אין דורשטיקער מאטקייט, באהערשט פון גליק און אומגליק, א פארליבטער און פארשיכורטער פון זון און צארטקייט, האָט ער גייענדיק געשמייכלט און געקוקט צע־שטרייט, און זיינע ליפן האָבן אָן זיין וויסן זיך באוועגט און געשעפּטשעט ווערטער אָפּגעריסענע — א געזאנג. ער האָט גע־קוקט אויפן זאַמד; און ווי א באריר‏ונג פון א דורכשוועבנדי־קער טויב האָט ער דערפילט, ווי א שמייכל איז פארביי. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, אז ער פארגייט איר דעם וועג. נישט אויפהערנדיק צו גיין, האָט זי אויסגעדרייט איר קאָפּ און אים אָנגעקוקט. ער איז זיכער צו צו איר, מיט כמעט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט אזא יוגנטלעכן און נאאיוון שוואונג, ווי נאאיוו זי האָט דאָס דערוואַרט. ער האָט זיך נישט אנטשולדיקט. זיי האָבן זיך נישט געפילט אומבאקוועם. ס׳האָט זיך זיי געדאכט, אז זיי פירן דעם המשך פון א אָנגע־הויבענעם שמועס.

— איר לאכט פון מיר, האָט ער געזאָגט; איר זייט גערעכט!

— איך לאך נישט. — (זי האָט גערעדט, ווי זי איז געגאנגען, גיך און עלאסטיש) — איר לאכט אליין; איך האָב געלאכט, זעענדיק אייך.

— טאקע, איך האָב געלאכט?

— איר לאכט נאָך איצטער אויך.

— איצטער, ווייס איך פארוואָס.

זי האָט אים נישט איבערגעפרעגט, פארוואָס. זיי זענען געגאנגען צוזאמען. זיי זענען געווען גליקלעך.

— ס׳ארא שיינע יינגע זון! האָט זי געזאָגט.

— דער בייגעבוירענער פרילינג!

— דאָס האָט איר לכבוד אים געלאכט?

— נישט נאָר צוליב אים אליין. אפשר גאָר צוליב אייך.

— קליינער ליגנער! קונדס! איר קענט דאָך מיך נישט.

— סיידן! מיר האָבן זיך שוין געזען, כ׳ווייס אַליין נישט, וויפל מאָל.

— דריי מאָל, אַריינרעכענענדיק דאָס איצטיקע.

— אַ, איר געדענקט!... זעט איר, מיר זענען שוין אַלטע באַקאַנטע!

— לאָמיר רעדן דערפון!

— איך וויל טאַקע. דאָס איז ס׳איינציקע, וואָס איך וויל... אַ, לאָמיר זיך צוזעצן דאָרט! אַ ווײַלע, ווילט איר? ס׳איז אַזוי גוט, ביים ברעג פון וואַסער! (זיי זענען געשטאַנען ביים גאַלאַטע-פּאַנטאַן, וועלכן אַרבעטער האָבן פּאַרדעקט מיט זעק זאַמד צו שיצן אים קעגן די באָמבעס).

— כ׳קאָן נישט, כ׳וועל אַדורכלאָזן מיין טראַם...

זי האָט אָנגערופן די שעה, ווען זי דאַרף אַוועק. ער האָט איר געוויזן, אַז זי האָט נאָך פינפאונצוואַנציק מינוט.

אמת, אָבער זי וויל פריער נאָך קויפן אָוונטברויט, אויף עק ראַסין גאַס, וואו מ׳קריגט קליינע גוטע ברייטלעך. ער האָט אַרויסגענומען אַ ברייטל פון זיין קעשענע.

— נישטאָ קיין בעסערע פון דעם... ווילט איר נישט?

זי האָט געלאַכט און געקלערט. ער האָט איר אַריינגעלייגט דאָס ברייטל אין האַנט און זי נישט אָפּגעלאָזן.

— ס׳וועט מיר זיין אַזוי אַנגענעם... קומט לאָמיר זיך צוזעצן...

ער האָט זי צוגעפירט צו אַ באַנק אינדערמיט אַלעע, וואָס גרעניצט מיטן פּאַנטאַן.

— כ׳האָב נאָך אַ זאַך...

ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ טאַפל שאָקאָלאַד.

— פּרעסער!... און נאָך וואָס?

— נאַר, איך שעם מיך... ס׳איז נישט איינגעוויקלט.

— גיט אַהער, גיט!... ס׳איז מלחמה-צייט.

ער האָט געקוקט, ווי זי האָט געשמאַק איינגעביסן:

— אפשר צום ערשטן מאָל טראַכט איך, אַז די מלחמה האָט אויך איר גוטע זייט, האָט ער געזאָגט.

— אָ, לאָמיר פון דעם נישט רעדן! דאָס איז אזוי שרעקלעך!

— יאָ, האָט ער מיט התפעלות געזאָגט, מיר וועלן דערפון קיינמאָל נישט רעדן.

(די שטימונג האָט זיך תיכף אויסגעלייטערט)

— קוקט נאָר אָן די וורובלעס, האָט זי געזאָגט, וואָס באדן זיך.

(זי האָט געזעהן אויף די פייגל, וואָס האָבן געמאכט זייער טואלעט ביים ראנד פון פאנטאן).

— אָבער דאמאָלס, אין יענעם אָוונט (ער האָט ווייטער געטראכט זיינס), אין יענעם אָוונט, אין מעטראָ, זאָגט, האָט איר מיך הייסט דאָס געזען?

— געוויס.

— אָבער איר האָט דאָך לחלוטין אין מיין זייט נישט געקוקט, איר זיים די גאנצע צייט געווען אויסגעדרייט אין אנדער זייט!... אָט, ווי איצטער...

(ער האָט זי געזען אין פראָפיל, ווי זי שלינגט איר ברויט, קוקנדיק שפּאָטיש פאר זיך).

— גיט אויף מיר א קוק!... וואָס זעט איר דאָרט?

זי האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ער האָט אָנגענומען איר רעכטע האנט, וואו די איינגעריסענע הענטשקע האָט אנטפּלעקט דעם שפּיץ פון איר ווייזפינגער.

— אויף וואָס קוקט איר?

— אויף אייך, וואָס איר באקוקט מיין הענטשקע... איר ווילט זי נאָך מער צערייסן?

(ער האָט, א צעשטרייטער, געהאלטן אין איין פארברייטערן די עפענונג).

— יאָ, אנטשולדיקט!... אָבער איר זעט דען?

זי האָט נישט געענטפערט; אָבער אין שפּאָטישן פּראָפיל האָט ער געזען א ווינקל פון איר לאכנדיקן אויג.

— א, כיטרע!

— ס'איז זייער פּשוט, אלע טוען אזוי.

— איך וואָלט עס נישט געקענט.

— פּרוּווט!... איר שיקלט.

— כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געעבט. כדי צו זען, מוז איך קוקן גלייך, אָן פּאַס, נאַריש.

— אָבער ניין, נישט אַזוי נאַריש.

— ענדלעך זע איך אייערע אויגן.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, ליב שמייכלענדיק.

— ווי הייסט איר?

— לוציע.

— ווי שיין, שיין ווי דער טאָג!

— און איר?

— פּיער... אַ גאַנץ געוויינטלעכער נאָמען.

— אַ וואוילער נאָמען, מיט לויטערע און ערלעכע אויגן.

— ווי מיינע.

— לויטערע, יאָ, דאָס זענען זיי.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי קוקן אויף לוציען.

— לוציע!.. מ׳זאָגט: „פרײַליין".

— ניין.

— ניין?

(ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ).

— איר זייט נישט קיין „פרײַליין". איר זייט לוציע און איך בין פּיער.

זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. און נישט קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, די אויגן פאַרזונקען אין דער ליבער בלויקייט פון הימל, צווישן די צווייגן פון די נאַקעטעביימער, האָבן זיי געשוויגן. דורך זייערע הענט האָט דער שטראָם פון זייערע מחשבות זיך צענויפגעגאָסן.

זי האָט געזאָגט:

— יענעם אָוונט האָבן מיר ביידע מורא געהאַט.

— יאָ, האָט ער געזאָגט, ס׳איז געווען גוט.

(שפּעטער ערשט האָבן זיי געשמייכלט דערפון, וואָס איינער האָט אויסגעדריקט דעם צווייטנס מחשבה).

זי האָט ארויסגעריסן איר האנט, און פלוצלינג אויפ־געהויבן זיך, הערנדיק דעם זייגער קלינגען.

— אך, כ׳האָב מער קיין צייט נישט...

זיי זענען געגאנגען זאלבענאנד, מיט דעם קליינעם לויף־טריט, וואָס פאריזערינס קענען אזוי שיין; זעענדיק זיי טרעטן, פילט מען נישט די גיכקייט, אזוי פריי מאכן זיי עס.

— איר גייט אָפט דאָ אדורך?

— יעדן טאָג, אָבער אָפטער פון יענער זייט טעראסע. (זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם גאָרטן, אויף די וואטאָ־ביימער כ׳קום פון מוזיי. (ער האָט א קוק געטון אויפן צייכן־העפט אונטער איר אָרעם).

— איר זייט מאלערין? האָט ער געפרעגט.

— ניין, האָט זי פאררעכט, דאָס איז צו א גרויס וואָרט, א קליינע שמירערין.

— פון פארגעניגן וועגן?

— אָ, ניין! פון געלט וועגן.

— אזוי!

— דאָס איז געמיין, נישט אמת? פארנעמען זיך מיט קונסט צוליב געלט!

— ס׳איז וואונדערבאר, ווי קאָן מען דאָס פארדינען געלט, נישט קענענדיק מאָלן.

— דאָס איז עס טאקע. איך וועל אייך דאָס אן אנדערש־מאָל דערקלערן.

— אן אנדערשמאָל, וועט מען ווידער איבערבייסן ביים פאנטאָן.

— מע וועט זען,— אויב ס׳וועט זיין א שיינער וועטער.

— אָבער איר וועט קומען פריער? נישט אמת?... זאָגט... לוציע... (זיי זענען צוגעקומען צו דער סטאציע. זי איז ארויפ־געשפרינגען אויפן טרעפל פון טראם).

— ענטפערט, זאָגט מיין ליכטיקע קליינע...

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר אז דער טראם האָט גערירט, האָט זי מיט די ברעמען געוווּנקען „יאָ״, און אויף

אירע ליפן האָט ער איבערגעליינט, הגם זי האָט עס נישט געזאָגט; „יאָ, פיער". אוןביידע האָבן אוועקגייענדיק געטראַכט:

— מאָדנע, ווי די מענטשן זעען דאָס אויס צופרידן היינטיקן אָוונט.

און זיי האָבן געשמייכלט, נישט וועלנדיק זיך אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. זיי האָבן נאָר געוואוסט, אַז זיי האָבן עפּעס פאַרמאָגט, עס געהאַט, אַז ס'איז געווען אין זיי. וואָס? גאָרנישט — זיי זענען רייכער געוואָרן, היינטיקן אָוונט. אהיימקומענדיק, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל ווי מ'קוקט אָן אַ פריינט, מיט פאַרליבטע אויגן. זיי האָבן צו זיך געזאָגט: „זיין, איר בליק האָט אויף דיר גערוט". זיי האָבן זיך פרי געלייגט, מידע. פון וואָס? פון תענוג אויסטועענדיק זיך, האָבן זיי געקלערט.

— ווי גוט עס איז, וואָס ס'איז פאַראַן אַ מאָרגן.

מאָרגן!... די, וואָס וועלן קומען נאָך אונז, וועלן זיך קוים קאָנען פאָרשטעלן, וויפיל שטומען יאוש און גרענעצלאָזן טרויער דאָס דאָזיקע וואָרט האָט ארויסגערופן אין פערטן יאָר פון דער מלחמה... אזא מידקייט! האָפענונגען האָבן שוין אזוי פיל מאָל אָפּגענארט! הונדערטער מאָרגנס זענען געקומען און פארשוואונדן, ענלעכע צום היינט און נעכטן, אלע גלייך פארמשפטע צו ווארטן און צו נישט ווערן, צו ווארטן זיין נישט ווערן. די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס יאָר איז געווען ווי דער טייך סטיקס, וואָס נעמט פעסט ארום דאָס לעבן מיט זיינע פעטע שווארצע וואסערן, מיט זיינע חושכדיקע פאליעס, וואָס זעען אויס ווי פארגליווערטע מאָרגן? מאָרגן איז געשטאָרבן.

אָבער אין די הערצער פון די צוויי קינדער איז דער מאָרגן אויפגעשטאנען תחית המתים.

דער מאָרגן האָט זיי ווידער געזען זיצן נעבן פאָנטאן. און אזוי אלע ווייטערדיקע מאָרגנס. דאָס שיינע וועטער איז זיי בייגעשטאנען אין זייערע קורצע צוזאמענטרעפן, אָבער זיי זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן וויניקער קורץ. יעדער האָט מיטגעבראכט זיין אָנבייסן, און הנאה געהאט פונם שותפות. פּ׳ער האָט איצטער שוין געווארט ביי דער טיר פון מוזיי. ער האָט געוואָלט זעען אירע ווערק. און זי, וואָס האָט כלל מיט זיי נישט שטאָלצירט, האָט זיך לאנג נישט געלאָזט בעטן זיי צו ווייזן. דאָס זענען געווען מיניאטור-רעפּראָדוקציעס פון בארימטע בילדער, אָדער פראגמענטן פון בילדער, א גרופּע,

א פיגור, א ביוסט. נישט אָן געשמאַק אויפן ערשטן קוק, אָבער געמאכט זייער אויף גיך. דאָ און דאָרט שיינע, גוט אויסגעפירטע ערטער; אָבער דערנעבן אומפּינקטלעכקייטן ווי פון א תלמיד, וואָס באַווייזן נישט נאָר א עלעמענטאַרן אומוויסן, נאָר אויך א פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט צו דעם, ווי אנדערע וועלן שאצן די ארבעט. „מילא! ס'איז אזוי אויך גוט"... לוציע האָט אָנגערופן די נעמען פון די רעפּראָדוצירטע בילדער. פּיער האָט זיי גוט געקענט. ער האָט זיך געקרומט, געהאט צער. לוציע האָט געזען, אז ער איז אומצופרידן. אָבער זי האָט געהאט מוט אים אלץ צו ווייזן — און נאָך דאָס... פאַן! וואָס זי האָט געהאלטן פאַר דאָס ערגסטע! זי האָט שפּאָטיש געשמייכלט, וואָס מ'האָט געקענט נעמען אזוי גוט אויף פּיערס חשבון ווי אויף איר אייגענעם. אָבער זי האָט נישט ארויסגעוויזן קיין סימן פון פאַרדרוס. פּיער האָט פאַרביסן די ליפּן, כדי נישט צו רעדן. אָבער סוף כל סוף איז עס שוין געווען צופיל. זי האָט אים געוויזן א ראַפאַעלישע קאָפּיע פון פלאָרענצער בילדער-מוזיי.

— אָבער ס'זענען דאָך גאָר אנדערע פאַרבן! האָט ער געזאָגט.

— א, זייער מעגלעך! האָט זי געזאָגט; איך האָב דאָס בילד נישט געזען, כ'האָב קאָפּירט פון א פאָטאָגראַפיע.

— און מ'זאָגט אייך גאָרנישט דערויף?

— ווער? די קליענטן? זיי האָבן דאָס בילד אויך נישט געזען, אזוי גוט ווי איך... און ווען אפילו זיי וואָלטן עס געזען, קוקן זיי זיך נישט צו אזוי שטאַרק! רויט, גרין, בלוי, זיי זעען נישט מער ווי פּייער-קאָלירן... אָפט האָב איך א פאַרביקן מאָדעל, און איך בייט אליין די קאָלירן... אָט, למשל, דאָס... (א מלאך פון מורילאָ).

— איר געפינט, אז אזוי איז בעסער?

— ניין, נאָר דאָס ווילט מיך... און ס'איז באַקוועמער אויך... און מיר איז גאַנץ גלייך. דאָס וויכטיקסטע איז, אבי מ'קאָן פאַרקויפן...

נאָך אָט דער באַרימעריי האָט זי אָפּגעהאַקט, צוגענומען בײַ אים די מאַלערײַען און אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער:

— נו, וואָס? ס'איז נאָך ערגער, ווי איר האָט זיך פאַר-געשטעלט?

ער האָט מיט פארדרוס געענטפערט:

— אָבער פארוואָס, פארוואָס טוט איר דאָס?

מיט א גוטן שמייכל, פול מוטערלעכער איראָניע, האָט זי געקוקט אויף זײַן טרויעריקן פנים: פאר דעם ליבן קליי-נעם בורזשוי איז אלץ אזוי לײַכט אין לעבן און ער פאר-טראכט זיך נישט, אז מ'מוז גיין אויף הנחות, כּדי...

ער האָט איבערגעחזרט זײַן פראגע:

— פארוואָס? זאָגט פארוואָס?

(ער האָט זיך געשעמט, גלײַך ער וואָלט געווען דער שמירער... גוטער, וואוילער יונגו! זי וואָלט אים גערן ארומגע-נומען... געקושט... אין שטערן).

זי האָט שטיל געענטפערט:

— כּדי צו קענען לעבן.

ער איז געווען איבעראשט. דערפון האָט ער גאָר נישט געטראכט.

— ס'איז קאָמפּליצירט ס'לעבן, האָט זי ווײַטער געזאָגט, האלב אין שפּאס. קודם כּל דארף מען עסן. און עסן יעדן טאָג. ערשט האָסטו אָפּגעגעסן אין אָוונט. און אויף מאָרגן מוז מען שוין פונסניי עסן. און מ'דארף זיך אָנטון. אָנטון אינגאנצן, דעם גוף, קאָפּ, הענט, פיס. און דאָס קאָסט א סך! און פאר אלץ מוז מען צאָלן. לעבן הייסט — צאָלן.

איצט ערשט האָט ער באמערקט דאָס, וואָס ער האָט פון ליבע קורצזיכטיקייט פריער ארויסגעלאָזט פון אויג: דאָס באשיידנע, ערטערווייז אויסגעצופּטע פוטערל, די אביסל שוין אָפּגענוצטע שיך, סימנים פון נויט, וואָס די אײַנגעבוירענע עלעגאנץ פון א קליינער פאריזערין פארשטעלט, און זײַן הארץ האָט אים פארקלעמט.

— שוין זשע וואָלט איך נישט געקענט, וואָלט איך אייך נישט געקענט העלפן?

זי האָט זיך אביסל אָפּגערוקט און פאררויטלט:

— ניין, ניין, האָט זי געזאָגט אויפגערעגט, ס'איז גאָר קיין פראגע נישט... קיינמאָל נישט... כ'דארף נישט...

— אָבער איך וואָלט אזוי גליקלעך געווען!

— ניין, לאָמיר נישט רעדן דערפון!... אָדער מיר'ן ווערן אויס פריינט...

— הייסט עס, זענען מיר נאָך פריינט?

— יאָ. ס'הייסט, אויב איר זענט עס נאָך, נאָכדעם ווי איר האָט זיך אזויפיל שמירעכץ אָנגעזען.

— אָבער זיכער! אין דעם זייט איר דאָך נישט שולדיק!

— אָבער איר האָט צער דערפון?

— אָ, יאָ!

זי האָט געלאכט פון הנאה.

— דערפון לאכט איר? איר שלעכטע?

— ניין, דאָס איז נישט שלעכטיקייט. איר פארשטייט נישט.

— וואָס זשע דען לאכט איר?

— כ'וועל עס אייך נישט זאָגן.

(זי האָט געטראכט: „ליבער מיינער, ווי איידל דו ביסט אז דו ליידסט דערפון, וואָס איך האָב שלעכט אָנגעמאָלט א פאָר בילדלעך!").

און זי האָט געזאָגט:

— איר זייט א גוטער, א דאנק.

ער האָט זי פארוואונדערט אָנגעקוקט).

— פרוווט זיך נישט צו וועלן פארשטיין, האָט זי געזאָגט, א קלאפּ טוענדיק אים לייכט איבער דער האנט... לאָמיר רעדן וועגן עפּעס אנדערש...

— אָבער... נאָך איין וואָרט... כ'וואָלט זייער געוואָלט וויסן... זאָגט מיר (איר דארפט זיך נישט באליידיקן)... אפשר זייט איר איצט אביסל געענגט?...

— ניין, ניין, כ׳האָב אזוי געזאָגט, ווייל מיר האָבן גע־האט אמאָל שלעכטע צייטן. אָבער איצט איז בעסער. די מאמע האָט געקריגן א שטעלע, וואו מ׳צאָלט גוט.

— אייער מוטער ארבעט?

— יאָ, אין א אמוניציע־פאבריק. זי פארדינט צוועלף פראנק א טאָג. דאָס איז א אוצר!

— אין א פאבריק! א מלחמה־פאבריק!

— יאָ.

— אָבער דאָס איז דאָך שרעקלעך.

— נו, מ׳נעמט, וואָס ס׳לאָזט זיך.

— לוציע, אָבער ווען מ׳וואָלט אייך פאָרגעלייגט?...

— איר זעט דאָך, איך שמיר... איצט זעט איר, אז איך בין גערעכט, וואָס איך מאָל אויף צו פארקויפן!

— אָבער ווען מ׳וואָלט באדאפט פארדינען, און קיין אנדער ארבעט, ווי אין א פאבריק פון גראנאטן וואָלט נישט געווען, וואָלט איר געגאנגען אהין?

— אז מוואָלט באדארפט פארדינען, און קיין אנדער אָרט וואָלט נישט געווען... נו, געוויס! כ׳וואָלט געלאָפן אהין!

— לוציע, טראכט איר גאָר נישט וועגן דעם, וואָס מ׳מאכט דאָרט, אין אָט די פאבריקן?

— ניין, איך טראכט נישט דערפון.

— דאָס אלץ, וואָס פארשאפט ליידן און טויט, וואָס צעשטערט, פארברענט, וואָס פייניקט לעבעדיקע באשעפענישן ווי איר, ווי איך...

זי האָט ארויפגעלייגט די האנט אויפן מויל, ווייזנדיק אים, ער זאָל שווייגן.

— איך ווייס, איך ווייס דאָס אלץ, אָבער כ׳וויל דערפון נישט טראכטן.

— איר ווילט דערפון נישט טראכטן?

— ניין, האָט זי געזאָגט.

— און אין א ווײַלע ארום:

— מ׳דארף לעבן... אז מ׳טראכט, לעבט מען נישט מער...

איך וויל לעבן, כ׳וויל לעבן. און אויב מען צווינגט מיך, כדי כ׳זאָל קענען לעבן, צו טון דאָס אָדער יענץ, וועל איך זיך גיין דאגהן דערפאר? עס גייט מיך נישט אָן. נישט איך וויל דאָס. אויב ס׳איז שלעכט, בין איך דערין נישט שולדיק. דאָס וואָס איך וויל, איז נישט שלעכט.

— וואָס אזוינס ווילט איר דען?

— כ׳וויל קודם כל לעבן.

— איר האָט ליב ס׳לעבן?

—אוודאי. בין איך נישט גערעכט?

— א, יאָ! ס׳איז דאָך אזוי גוט, וואָס איר לעבט!

— און איר, האָט דאָס לעבן נישט ליב?

— איך האָב עס נישט געליבט, ביז...

— ביז?

(די פראגע האָט נישט באדארפט קיין ענטפער. זיי האָבן ביידע דעם ענטפער געוואוסט).

און פיער, טראכטנדיק ווייטער דאָס זייניקע:

— איר האָט געזאָגט: „קודם כל"... „כ׳וויל קודם כל לעבן"... און וואָס ווייטער? וואָס ווילט איר נאָך?

— כ׳ווייס נישט.

— איר ווייסט יאָ...

— איר זייט זייער נישט דיסקרעט.

— יאָ, זייער.

— כ׳שעם זיך עס אייך צו זאָגן...

— זאָגט זשע מיר אויפן אויער... קיינער וועט נישט הערן.

זי האט געשמייכלט:

— כ׳וואָלט געוואָלט... (זי האָט זיך געקווענקלט), כ׳וואָלט געוואָלט א ב י ס ע ל ע גליק.

(זיי זענען געזעסן גאָר נאָנט צווישן זיך).

זי האָט ווייטער גערעדט.

— שוין זשע איז דאָס צופיל פארלאנגט? מ׳האָט מיר אָפט געזאָגט, אז דאָס איז עגאָאיזם. און איך, איך האָב מיר אסך מאָל געזאָגט: „אויף וואָס זשע האָט מען יאָ רעכט?..."

ווען מ'זעט ארום זיך אזויפיל אומגליק, אזויפיל יסורים, וואגט מען נישט מער צו פאָדערן... אָבער מיין הארץ פאָדערט פאָרט און שרייט: „כ'האָב רעכט, כ'האָב רעכט אויף א קליין ביסעלע גליק...” זאָגט מיר אָפּן: איז דאָס עגאָאיזם? האלט איר דאָס פאר שלעכט?

ער האָט געהאט אויף איר אָן א שיעור רחמנות. דער דאָזיקער געשריי פון הארצן, דער קליינער, נאאיווער געשריי האָט אים טיף גערירט. טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן געשטעלט. זיצנדיק צוזאמען, אָנגעלענט איינער אָן צווייטן, האָבן זיי געפילט די ווארעמקייט פון זייערע פיס. ער האָט זיך געוואָלט אויסדרייען און זי ארומנעמען. נאָר ר'האָט זיך נישט געוואגט צו רירן, מורא האָבנדיק, אז ער וועט זיך מער נישט קאָנען באהערשן. זיי האָבן אומבאוועגלעך געקוקט פאר זיך, אויף די שפיץ פיס. זייער גיך, שטיל און הייס, נישט רירנדיק כמעט מיט די ליפּן, האָט ער געזאָגט:

— אָ, מיין ליבע, טייערע! הארץ מיינס! כ'וואָלט געוואָלט דיינע קליינע פיס האלטן אין מיינע הענט, אויף מיינע ליפּן, זיך איינגאנצן איינשלינגען...

אָן א ריר, זייער גיך און זייער שטיל, ווי ער, האָט זי געזאָגט מיט א ציטער אין דער שטים:

— ביזסט משוגע!... שטיל!... איך בעט דיך!...

אן עלטערער שפאצירער איז פארביי־געגאנגען, זיי האָבן געפילט, ווי זייערע קערפּער צעגייען פון ליבע...

קיינער איז אין דער אלעע שוין מער נישט געווען. א צעקודלטער ווורובעל האָט זיך געגראבלט אין זאמד. דער פאָנטאן האָט געטריפט זיינע דורכזיכטיקע טראָפּנדלעך. אומדרייסט האָבן זיי אויסגעקירעוועט די פּנימער איינער צום אנדערן, און קוים האָבן זיך זייערע בליקן געטראָפן, האָבן זייערע ליפּן איילנדיק און דערשראָקן זיך באהאפטן, און באלד זיך ווידער צעגאנגען. לוציע האָט זיך אויפגעהויבן, כדי אוועקצוגיין. ער איז אויך אויפגעשטאנען, זי האָט צו אים געזאָגט: „בלייבט”.

זיי האָבן נישט געוואגט זיך מער אנצוקוקן. פיער האָט געמורמלט:

— לוציע... דאָס קליינע ביסעלע... דאָס קליינע ביסעלע גליק... זאָגט, איצט האָבן מיר עס!

דער וועטער האט געשטערט זייערע סעודות ביים פאנטאן מיט די וורובלעס. א נעפל האָט פארשטעלט די פעברואר זון. אָבער ער האָט נישט געקענט פארלעשן די זון, וואָס זיי האָבן אין הארצן געטראגן. זאָל זיין וואָסער וועטער ס׳וויל: קאלט ווארם, רעגן, ווינטער, שניי אָדער זון! ס׳וועט תמיד זיין גוט! ס׳וועט נאָך ווערן בעסער. ווייל ווען דאָס גליק האלט אין וואקסן, איז דער היינט דער בעסטער טאָג.

דער נעפל האָט זיי געגעבן א גוטן אויסרייד זיך מער אויף א גאנצן טייל פון טאָג נישט צו שיידן. און ער האָט זיי געשיצט פאר זייטיקע אויגן. פיער פלעגט יעדן פרימאָרגן זי גיין אָפּווארטן ביים טראמוויי און זי באגלייט אין אירע שפּא־צירן איבער פאריז. ער פלעגט אויפשטעלן דעם קאָלנער פון זיין מאנטל. און זי פלעגט טראָגן א פוטערן היטעלע, א באָא, שטייף ארום האלז פארבונדן, און אַ געדיכטן וואל, אונטער וועלכן אירע בולטע ליפּן האָבן געבילדעט א קליינעם עיגול. אָבער דער בעסטער שלייער איז געווען פאר זיי דער גע־דיכטער נעץ פון פייכטן נעפל. ער איז געווען ווי אש גרוי, געדיכט, מיט געלע פאספארדורכשיינען. מ׳האָט אויף צען טריט ווייט נישט געזען. וואָס מער מ׳איז אריין אין די אלטע גאסן, וואָס ציען זיך גראָדליניק צו דער סענע צו, איז דער נעפל אלץ געוואָרן געדיכטער. פריינטלעכער נעפל, אויף דיינע

געפרוירענע לייַלעכער הויערט דער טרוים און צאַפּלט פֿאַר תענוג! זיי האָבן זיך געפּילט ווי א מאַנדל אין אַ פּרוכט־קערעלע, ווי א פלאם אין א פארמאכטער לאמטער. פיער האָט געדריקט לוציעס לינקן אָרעם. זיי זענען געווען ביידע כמעט פון זעלבן וואוקס,—לוציע א ביסל גרעסער פון אים, און האָט שטיל געצוויטשערט; זיי זענען געגאנגען מיט גלייכע טריט פנים ביי פנים: ער האָט אזוי געוואָלט קושן דעם פייכטן עיגול אונטערן שלייער.

זי פלעגט גיין צום הענדלער מיט „פאלשע אנטיקן", וואָס פלעגט ביי איר באשטעלן אירע שמיר־בילדלעך. זיי פלעגן זיך קיינמאָל נישט איילן, אָן א באזונדערער כונה (אזוי, לפחות, האָבן זיי געגלייבט), און שטענדיק אָנגעלייגט א סך וועג, ארויפוואַרפנדיק דאָס בלאָנדזשען אויפן חשבון פון נעפל. ווען זיי פלעגן אָבער דאָך, נאָך אלע באמיאונגען דעם וועג צו פארשלעפן, אָנקומען צום ציל, פלעגט פיער בלייבן שטיין פונדערווייטנס, און זי פלעגט ארייַנגיין אין געשעפט. ער פלעגט ווארטן ביים עק גאס, ווארטן לאנג, און ס'פלעגט אים נישט זיין ווארעם; ער האָט אָבער געהאט הנאה פון ווארטן, פונם ביסל פרירן, ווייל ס'איז אלץ געווען פון אירט וועגן. ענדלעך פלעגט זי ארויסקומען, שמייכלענדיק צולויפן צו אים און נאָכפרעגן, צי ער איז אמאָל נישט געפרוירן געוואָרן. ער פלעגט שוין אין אירע אויגן דערקענען, ווען זי האָט גע־האט דערפאָלג און פלעגט זיך מיט איר מיטפרייען, גלייך ווי ער וואָלט דאָס געלט פארדינט. אָבער מייסטנס פלעגט זי אַרויסקומען מיט ליידיקע הענט; זי וועט מוזען צוויי־דריי מאָל אהערקומען צו קריגן דעם לוין. און נאָך אַ גליק, וואָס מ'האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די ארבעט! הייַנט, למשל, האָט מען איר געמאכט א בייזע סצענע איבער א מיניאטור פון א מלחמה־געפאַלענעם, וועלכן זי האָט לויט א פאָטאָגראפיע געמאָלט און האָט אים אין די אויגן קיינמאָל נישט געזען. די פאמיליע איז געווען באליידיקט, וואָס זי האָט נישט צוגעטראָפן די פארב פון די אויגן און די האָר. האָט זי געמוזט איבער־

מאכן זי איז געווען אויפגעלייגט, געזען בלויז די קאָמישע זייט פון די אַלע געשעענישן, און האָט מוטיק פון זיי גע־לאכט. אָבער פיער האָט נישט געלאכט, ער איז געווען אויסער זיך.

— קרעטינען, דרייפאכע קרעטינען!

אז לוציע פלעגט אים ווייזן די פאָטאָגראפיעס, וועלכע זי דארף פארביק איבערקאָפּירן, פלעגט ער אויפקאָכן פון אויפרעגונג—(אך, ווי זי האָט הנאה געהאט פון זיין קאָמישן כעס!) — פון די אומזיניקע, אין א פייערלעכן שמייכל פאר־גליווערטע קעפ. אז לוציעס ליבע אויגן זאָלן זיך אָנשטרענגען אָפּצושפּיגלען אין אירע הענט—אָפּצוצייכענען די בילדער פון אָט די מיאוסע צורות, איז אים אויסגעקומען ווי א פּראָפאַ־גאציע. ניין, דאָס רעגט צופיל אויף! איז שוין גלייכער מוזיי־קאָפּיעס! אָבער ס׳איז נישט געווען וואָס צו רעכענען אויף זיי. די מוזייען האָבן זיך פארמאכט און קיין קונים איז נישט געווען. ס׳איז נישט געווען מער דער סעזאָן אויף מאדאָננעס און מלאכים, נאָר אויף מיליטער־לייט. יעדע משפחה האָט זיך געהאט אירן א טויטן אָדער לעבעדיקן, אָפּטער א טויטן, וואָס זי האָט געוואָלט פארייביקן זיינע שטריכן. די רייכערע האָבן געוואָלט — אין פארבן; א גאנץ גוט באצאָלטע, אָבער אַלץ זעלטענערע ארבעט; האָט מען נישט געטאָרט דורכלאָזן. און אז דאָס האָט אויסגעפעלט, איז אויסגעקומען צייטווייליק זיך פארנעמען מיט פארגרעסערן פאָטאָגראפיעס. פאר שפּאָט בילּיקע פרייזן.

ס׳איז געווען אלזאָ קלאָר, אז זי האָט נישט מער וואָס צו קומען קיין פאריז און פארזיצן זיך דאָ טעג גאנצע. קיין מוזיי־קאָפּיעס איז מער נישט געווען; זי האָט מער נישט באַ־דארפט ווי קומען אין געשעפט, נעמען און אפּברענגען די באשטעלונגען יעדן צווייטן, דריטן טאָג; די ארבעט האָט זי געקענט אויספירן אין שטוב. אָבער דאָס האָט נישט געשמעקט נישט אים, נישט איר. און נישט געקוקט אויף די נייע גענ־דערטע אומשטענדן, האָבן זיי ווייטער ארום געבלאָנדזשעט איבער די גאסן און נישט געקענט פועלן ביי זיך גיין צו דער סטאציע.

אַז זיי פֿלעגן ווערן מיד און אָדורכגעפֿרוירן פֿון נעפּל, פֿלעגן זיי אַרײַנגיין אין אַ קירך, דאָרט פֿלעגן זיי זיצנדיק אין אַ ווינקל שמועסן שטיל וועגן קלייניקייטן פֿון זייער לעבן און קוקן אויף די פֿענסטערשויבן. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן זיי שטיל ווערן; און זייערע נשמות, באַפֿרײַטע פֿון ווערטער (נישט דער זינען פֿון די ווערטער איז זיי אָנגעגאַנגען, נאָר זייער לעבנס־אָטעם, וואָס איז געווען ווי די פֿאַרבאָרגענע צוּרירן פֿון צאַפּלענדיקע שפּירפֿעדעם). האָבן געפֿירט אַן אַנדערן מער וויכטיקן און טיפֿערן שמועס. די געמעלן פֿון די שויבן, די שאָטנס פֿון די קאָלאָנעס, דער געמורמל פֿון די פּסאַלמען האָבן זיך אויסגעמישט אין זייער טרוים, געוועקט לעבנס־טרויער, וואָס זיי האָבן געגרן געוואָלט פֿאַרגעסן, און אַ טרייסטנדיקע בענקעניש נאָך דער אומענדלעכקייט. ס'איז שוין געווען עלף אַ זייגער, און נאָך האָט אַ געלבלעכע האַלב־טונקלקייט, ווי בוימל אין אַ הייליקער מנורה, אויסגעפֿילט די קירך. פֿונדערהויך, פֿון ערגעץ ווײַט זענען דערגאַנגען וואונדערלעכע אָפּשײַנען, מאַטער פּורפּור פֿון אַ שויב, רויטער פֿלעק אויף פּיאָלעט, פֿאַרמלאָזע געזיכטער אײַנגעפּאַסט אין שוואַרצע ראַמען. און די ליכטיקייט האָט ווי דורכגעשניטן די חשכות פֿון דער נאַכט, גלײַך אַ בלוטיקנדיקע וואונד...

מיטאַמאָל האָט לוציע געפֿרעגט:

— צי האָט מען אײַך צוגענומען?

ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, ווײַל אין דער שטילקייט האָט ער וועגן זעלבן געטראַכט.

— יאָ, האָט ער געזאָגט. מ'דאַרף דערפֿון נישט רעדן.

— איין וואָרט נאָר. זאָגט מיר, ווען?

ער האָט איר געזאָגט.

— אין זעקס חדשים אַרום!

זי האָט אָפּגעזיפֿצט.

ער האָט געזאָגט.

— מ'דאַרף דערפֿון נישט טראַכטן, צו וואָס?

און זי האָט געענטפֿערט.

— יאָ, צוואָס?

זיי האָבן איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, כּדי פאַריאָגן אָט דעם געדאַנק, און דערנאָך מוטיק (אָדער אפשר „מיט שרעק"? זאָל זאָגן ווער עס ווייסט, וואו אמתער מוט איז!) באַמיט זיך צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן דעם פינקלען פון די ליכט אין דער מנורה. וועגן שפּילנדיקן אָרגל, וועגן שמש, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, וועגן „סיורפּריזן-זעקל" — לוציעס האַנטביי-טעלע, אין וועלכן פּיערס אומדיסקרעטע פינגער האָבן אַרומ-שפּאַצירט. זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרנעמען מיט קליינ-קייטן. קיינער פון זיי האָט אַפילו נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז מ'קאָן זיך פּרוּוון אויסמיידן דעם גורל, וואָס וויל זיי צע-שיידן. אַנטקעגנשטעלן זיך דער מלחמה, דעם אַלגעמיינעם שטראָם — דאָס איז דאָך, ווי וועלן אונטערהייבן די קירך אי-בער זייער קאָפּ. דער איינציקער אויסגאַנג איז — פאַרגעסן, פאַרגעסן ביז דער לעצטער רגע, גלייבנדיק טיף אין זיך, אַז די רגע וועט קיינמאָל נישט קומען. און ביז דאַן, — זיין גליקלעך.

אַרויסגייענדיק און שמועסנדיק, האָט זי אים אַ ציי געטון ביים אָרעם, אַ קוק צו טון אויף אַ וויטרינע, נעבן וועלכער זיי זענען פאַרביי. אַ שיך געשעפט. ער האָט געזען, ווי זי האָט מיט איר בליק ליבלעך געגלעט אַ פּאָר פיינע לעדערנע הויך פאַרשנירטע שיך.

— שיינע! האָט ער געזאָגט.

זי האָט געענטפערט:

— פּרעכטיקע! ווי ליבע!

ער האָט געלאַכט פון דעם אויסדרוק, זי האָט מיטגע-לאַכט.

— וועלן זיי נישט זיין צו גרויס?

— ניין, ריכטיק אין דער מאָס.

— אפשר זאָל מען זיי קויפן?

זי האָט אים געדריקט דעם אָרעם און אַוועקגעשלעפּט, כּדי זיך אָפּצורייסן פון די שיך.

— מדארף זיין רייך. (זי האָט אונטערגעברומט דעם מאָ־טיוו Dansons la capucine). נישט פאר אונז.

— פארוואָס נישט? שלומפערל האָט דאָך אמאָל אָנגעטון...

— אין יענע צייטן האָבן פייעס געלעבט נאָך.

— און אין אונזערע צייטן לעבן נאָך פארליבטע.

זי האָט אונטערגעזונגען:

— ניין, ניין, ניין, מיין קליינער פריינט!

— פארוואָס נישט, אויב מיר זענען פריינט?

— טאקע דעריבער.

— דעריבער?

— יאָ. ווייל מ׳קען נישט אָננעמען קיין מתנות פון א פריינט.

— אלזאָ, נאר פון א שונא?

— פון א פרעמדן גיכער; מיין סוחר, למשל, ווען ער וואָלט מיר געוואָלט געבן אן אוואנס, דער פארשאָלטענער!

— אָבער לוציע, איך האָב דאָך ס׳רעכט צו מאכן ביי אייך א באשטעלונג, אויב איך וויל.

זי האָט זיך אָפגעשטעלט און זיך צעלאכט.

— איר, א בילד ביי מיר? ניין, מיין פריינט, וואָס וועט איר טון דערמיט? איר האָט שוין א גרויסן פארדינסט דערמיט אליין, וואָס איר קוקט אויף מיין מאלעריי. כ׳ווייס, אז דאָס זענען אלץ שלעכטע בילדער. זיי וועלן אייך בלייבן שטעקן אין האלז.

— ס׳הויבט זיך נישט אָן! פאראן צווישן זיי גאנץ ליבע.

— און ווידער, ס׳איז מיין געשמאק.

— ער האָט זיך פון נעכטן שוין געביטן!

— טאָר מען דען נישט בייטן דעם געשמאק?

— מ׳טאָר ניט, אויב מ׳איז פריינט.

— לוציע, מאכט מיין פאָרטרעט!

— ווי געפעלט אייך, זיין פאָרטרעט, איצט!

— כ׳מיין ערנסט. כ׳בין נישט ערגער פאר יענע אידיאָטן...

זי האָט אים אינסטינקטיוו געדריקט דעם אָרעם.
— ליבינקער!
— וואָס האָט איר געזאָגט?
— כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט.
— כ׳האָב גאנץ גוט געהערט.
— טאָ באהאלט׳ס פאר אייך.
— ניין, כ׳באהאלט עס נישט. כ׳גיב עס אייך צוריק טאָפּלט...
ליבינקע, ליבינקע!... איר וועט מאכן מיין בילד, נישט אמת? אָפּגערעדט?
— האָט איר א פאָטאָגראפיע?
— ניין, כ׳האָב נישט.
— ווי זשע ווילט איר? כ׳קען דאָך אייך נישט מאָלן אויפן גאס.
— איר האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז איר זענט אינדערהיים גאנצע טעג אליין.
— יאָ, די טעג, וואָס די מאמע איז פארנומען אין פאבריק... אָבער כ׳האָב מורא...
— איר האָט מורא, מ׳זאָל אונז נישט זען?
— ניין נישט דערפאר. מיר האָבן נישט קיין שכנים.
— טאָ פארוואָס זשע האָט איר מורא?
זי האָט נישט געענטפערט.
זיי זענען אָנגעקומען אויפן פלאץ, וואו דער טראם איז. הגם ס׳איז ארום זיי געווען א סך אנדערע מענטשן, אָבער מען האָט קיינעם נישט געזען, מחמת דעם נעפּל; ער האָט געשיצט און איזאָלירט דאָס יונגע פּאָר. זי האָט אויסגעמיטן זיין בליק. ער האָט אָנגענומען אירע ביידע הענט און צארט געזאָגט:
— ליבע, האָט נישט מורא...
זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, און זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. ס׳ארא הערלעכע אויגן זיי האָבן ביידע געהאט!
— כ׳האָב צו אייך צוטרוי, האָט זי געזאָגט.

און האָט פארמאכט די אויגן. זי האָט געפילט, אז זי געהער אים.

זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט די הענט. דער טראם האָט געריירט. פיערס בליק האָט געפרעגט:

— וועלכן טאָג?

— מיטוואָך, האָט זי געענטפערט. קומט ארום צוויי אזייגער...

און אָפּפאָרנדיק, האָט זי צוריקגעקריגן איר שפּאָטיש שמייכעלע; זי האָט אים איינגערוימט אויפן אויער:

— און ברענגט-מיט אייער פאָטאָגראפיע, טאקע. כ'קען נישט מאָלן אָן א פאָטאָגראַפיע... כ'ווייס, כ'ווייס, אז איר האָט אזא, איר קליינער שלעכטער לץ!

אין דער פאָרשטאט מאלאקאָל. גאסן קרומע, קרייצן זיך מיט ליידיקע פלעצער, וואָס גיסן זיך צענויף מיט פעלד; הינטער הילצערנע פלויטן שטייען הייזלעך פון שמאטעס־זאמלער. א גרויער כמורער הימל האָט זיך אין זיין גאנצער גרויס אויסגעשפּרייט איבער דער פארבלאָזער ערד, וועלכע איז פארוויכערט פון געדיכטן נעפּל. די לופט איז פארגליווערט. דאָס הויז איז געווען גרינג צו געפינען. סך הכל דריי הייזער אויף דער זייט גאס. דאָס לעצטע פון די דריי. ס׳האָט נישט קיין וויזאווי. א איינשטאָקיקעס, מיט א קליינעם הויף, צוויי — דריי מאָגערע קוסטעס, א פירעקיק גרינס־גערטל אונטער שניי.

פיער איז אריינגעקומען שטיל. דער שניי האָט פאַרשטיקט זיינע טריט. אָבער די פאָרהאנגען אין פארטער האָבן זיך א ריר געטון; און ווי ר׳איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט זי זיך געעפנט, און לוציע איז געשטאנען אויף דער שוועל. אין דעם האלבטונקל פון אריינגאנג האָבן זיי זיך מיט א פארשטיקטן קול געזאָגט גוטמאָרגן; און זי האָט אים אריינגעפירט אין ערשטן צימער, וואָס האָט געדינט פאר א עס־צימער. דאָרט האָט זי אויך געארבעט; איר מאָלברעט איז געשטאנען ביים פענסטער. תחילת האָבן זיי נישט געוואוסט וואָס זיך צו זאָגן, זיי האָבן צופיל שוין פריער געטראכט וועגן דער באגעגעניש; קיין איינע פון די פראזן, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט, האָט נישט געוואָלט ארויס; און זיי האָבן גערעדט שטיל, הגם ס׳איז אין שטוב קיינער חוץ זיי נישט געווען. —

טאקע דערפאר. זיי זענען געזעסן א ביסל אָפּגערוקט איינער פון אנדערן, מיט ארָאפּגעלאָזענע הענט; און ער האָט אפילו נישט אָפּגעבויגן דעם אויפגעשטעלטן קאָלנער פון מאנטל. זיי האָבן געשמועסט וועגן קאַלטן וועטער און וועגן דער צייט ווען ס׳גייען אָפּ די טראַמען. זיי זענען געווען אומגליקלעך, אזוי נאריש האָבן זיי זיך געפילט.

לסוף האָט זי זיך אָנגעטון א כּוח און געפרעגט אים, צי האָט ער געבראכט די פאָטאָגראפיעס; און ווי נאָר ער האָט זיי ארויסגענומען פון קעשענע, האָבן זיי ביידע אויפגעלעבט. די בילדער זענען געווען ווי פארמיטלער צווישן זיי ביידן בעתן שמועסן; זיי זענען שוין נישט מער אליין; ס׳זענען שוין דאָ אויגן, וואָס קוקן אויף זיי, און זשענירן זיי נישט. פיער האָט געהאט דעם גוטן איינפאל מיטצוברענגען אלע זיינע פאָטאָגראפיעס, זינט ער איז נאָך געווען א קינד פון דריי יאָר. אויף איינער האָט ער נאָך געטראָגן א קליידעלע. לוציע האָט הנאהדיק געלאכט; זי רעדט צום בילד מיט קאָמישע צערטל-ווערטער. איז דען פאראן עפּעס זיסערס פאר א פרוי, ווי צו זען א בילד פון איר ליבן, בעת ער איז נאָך א קינד געווען? זי וויגט אים אין רעיון, גיט אים די ברוסט, זי טרוימט אפילו, אז דאָס האָט זי אים אויסגעטראָגן! און חוץ דעם איז דאָך (זי האָט דאָס פארשטאנען) אזוי באקוועם צו זאָגן דעם קליינינקען דאָס, וואָס מ׳קען נישט זאָגן דעם גרויסן. ווען ער האָט זי געפרעגט, וועלכע פאָטאָגראפיע זי קלייבט אויס, האָט זי גלייך געענטפערט:

— דאָס ליבע קליינע מענטשעלע...

ווי ערנסט ער איז דאָס שוין! כּמעט מער ווי היינט. אוודאי, ווען לוציע וואָלט געוואגט (און זי האָט טאַקע געוואגט) אָנצוקוקן צום פארגלייך דעם היינטיקן פיער, וואָלט זי אין זיינע אויגן געזען דעם אויסדרוק פון אנטציקונג און קינדערשער פרייד, וואָס איז ביי קינדער נישטאָ: ווייל די אויגן פון א קינד, א קליינעם בורזשוא אונטער א צודעק, זעען ווי פייגעלעך אין א שטייג אָן ליכטשיין; און איצט איז די ליכט-

שיין פאראן, נישט אמת, לוציע? ער האָט פון זיין זייט געבעטן לוציען ווייזן אים אירע פאָטאָגראַפיעס. זי האָט געוויזן א זעקסיעריק מיידעלע מיט א גרויסן געפלאָכטענעם צאָפּ און מיט א קליינעם הינטעלע אויפן אָרעם. און קוקנדיק אויף זיך, האָט זי שפּאָטיש א טראכט געטון, אז זי האָט שוין אמאָל נישט ווייניקער הייס געליבט, ווי איצט; די גאנצע ליבע אירע האָט זי שוין דענסטמאָל אוועקגעגעבן איר פיערן, איר הינטל: די ליבע האָט געהערט פיערן, געוואַרט נאָר, ער זאָל קומען. זי האָט אויך געוויזן א דרייצן-פערצן יעריקע פריילין מיט א קאָקעטישן, פּרעטענציעז- אויסגעדרייטן האלז; צום גליק האָט זיך אין די ווינקלען פון אירע ליפּן אויסבאהאלטן איר שפּאָטישער געלעכטער, וואָס האָט ווי געזאָגט:

— איר ווייסט, איך וויל זיך; כ׳נעם זיך נישט ערנסט..

זיי האָבן זיך איצט געפילט שוין אינגאַנצן פריי.

זי האָט אָנגעהויבן סקיצירן זיין בילד. אזוי ווי ער האָט נישט געטאָרט רירן זיך, נישט ריידן, סיידן מיט די שפּיץ ליפּן, האָט זי די גאנצע צייט גערעדט אליין. זי האָט זיך אינסטינקטיוו געשראָקן פאר דער שטילקייט. און ווי ס׳טרעפט אָפט ביי אויפריכטיקע מענטשן, וואָס האָבן שוין צו לאנג קנאפּ גערעדט, איז זי גיך אריבער אויף צו דערציילן וועגן אינטימע זאכן פון זיך אליין און אירע אייגענע, הגם זי האָט לחלוטין נישט געהאט בדעה דאָס צו טון. זי האָט געשטוינט הערנדיק אירע אייגענע רייד, האָט אָבער נישט געקענט אויפהערן: פיערס שטילשווייגן איז געווען ווי אן אראָפּבארג, איבער וועלכן דער שטראָם איז געלאָפן...

זי האָט דערציילט וועגן איר קינדהייט אויף דער פּראָווינץ. זי איז געווען פון טורען. איר מוטער, פון א גוטבירגערלעכער, פארמעגלעכער משפחה, האָט זיך פארליבט אין א פאָלקסלערער, א זון פון א פערמער. די בורזשואזע פאמיליע האָט דעם שידוך נישט געוואָלט. אָבער ביידע פארליבטע האָבן זיך איינגעעקשנט. דאָס יונגע מיידל האָט אָפּגעוואַרט ביז צו איר פולעריקייט, צו קענען זעלבשטענדיק האנדלען. נאָך דער

התונה האָבן אירע קרובים נישט געוואָלט מער זי קענען־
דאָס יונגע פֿאַרפֿאַלק האָט אָפּגעלעבט די יאָרן אין ליבע און
נויט. דער מאַן האָט זיך צופֿיל אָנגעשטרענגט; און די קרענק
איז געקומען. די פֿרוי האָט דאַן מוטיק גענומען אויף זיך
דעם טאָפּלטן יאָך; זי האָט געהאָרעוועט פֿאַר צווייען. אירע
עלטערן, פֿאַרעקשנטע אין זייער אָנגעריירטן שטאָלץ, האָבן זיך
אָפּגעזאָגט זיי ארויסצוהעלפֿן. דער קראַנקער איז געשטאָרבן
עטלעכע חדשים פֿאַרן מלחמה־אויסברוך. און די ביידע פֿרויען
האָבן נישט געפּרוּווט אָנצוקניפּן באַציִונגען מיט דער מוטערס
משפּחה. די משפּחה וואָלט צוגענומען צו זיך דאָס יונגע
מיידל, ווען מען וואלט זיך געווענדט צו זיי. זיי וואָלטן די
ווענדונג באַטראַכט ווי אַן „על חטא" מצד דער מוטער. נאָר!
די משפּחה האָט געקאָנט וואַרטן! בעסער שטיינער צו קייען!

פּיער האָט געשטוינט איבער דער עקשנות פֿון אָט די
בירגערלעכע עלטערן. לוציע אָבער האָט עס לחלוטין נישט גע־
האַלטן פֿאַר אויסערגעוויינלעך.

— גלויבט איר נישט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַסך אַזוינע
מענטשן? זיי זענען נישט קיין שלעכטע, ניין; כ'בין זיכער, אַז
מיין מאַמעס עלטערן זענען נישט קיין שלעכטע; ס'איז זיי גע־
ווים אָנגעקומען שווער אונז נישט צוזאָגן: „קומט צוריק". נאָר
זייער אייגנליבע וואָלט געווען שטאַרק געטראָפֿן. און ביי
מענטשן איז נישטאָ קיין גרעסערס פֿון אייגנליבע. דאָס איז
שטאַרקער פֿון אַלץ. אַז מ'טוט זיי עפּעס אַן עולה, איז עס
נישט סתּם אַן עולה, נאָר ס'איז די עולה: אַלע אַנדערע
זענען אומגערעכט, אָבער זיי זענען גערעכט. און נישט זייענ־
דיק שלעכט (ניין, באמת, זיי זענען נישט שלעכט) — וועלן זיי
אייך לאָזן פֿאַר זייערע אויגן גוססן בעסער, איידער מודה זיין,
אַז זיי זענען אפשר אומגערעכט. אָך! זיי זענען נישט די איינ־
ציקע! ס'איז דאָ אַ סך אַזוינע!... זאָגט, האָב איך אַ טעות?
זענען זיי נישט אַזוינע?

און פּיער האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער איז געווען פֿאַר'חי־
דושט. ער האָט געמוזט צוגעבן: — יאָ, אַזוי זענען זיי...

ער האָט מיט אַמאָל מיט אירע אויגן דערזען די גאַנצע ענגהאַרציקייט און ווייסטע טרוקנקייט פון דעם בורזשואַזן קלאַס, צו וועלכן ער אליין געהערט. טרוקענער אויסגעגוצטער באָדן, וואָס האָט פאַמעלעך אויסגעטרונקען אַלע זאַפטן פון לעבן און זיי נישט באַנייט, ווי די גרויסע מדבריות אין אַזיע, וואו שפּעדיקע טייכן ווערן טראַפּנווייז פאַרשוווּנדן אונטערן גלעזערנעם זאַמד. אפילו די, וועמען זיי ליבן כלומרשט, ליבן זיי ווי אייגנטימער. זיי זענען זיי מקריב פאַר זייער עגאָאיזם, פאַר זייער צוגעשפּיצטן שטאָלץ, פאַר זייער ענגן באַגרעניצטן פאַרשטאַנד. פּיער האָט אומעטיק זיך פאַרטראַכט איבער זיינע אייגענע עלטערן און איבער זיך אליין. ער האָט געשוויגן. די פענסטערשויבן האָבן געציטערט פון אַ ווייטער האַרמאַטן-שיסעריי. און פּיער, טראַכטנדיק וועגן די, וואָס פאַלן איצט, האָט מיט פאַרביטערונג געזאָגט:

— און דאָס איז אויך זייער ווערק.

יאָ, פאַר אָט דעם הייזעריקן בילן פון די האַרמאַטן, פאַר דער וועלט-מלחמה, פאַר דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, — טראָגט אַ גרויסן טייל אחריות די פוסטע און באַגרעניצטע בורזשואַזיע מיט איר האַרץ-טרוקנקייט און אוממענטשלעכקייט. און איצטער (אַזוי מוז זיין), וועט שוין דאָס ווילדע פאַרזעעניש, איינמאָל אַראָפּגעלאָזן פון קייט, זיך נישט אָפּשטעלן, ביז עס וועט זיי נישט אַלעמען פאַרצערן.

און לוציע האָט געזאָגט! —

— ריכטיק.

ווייל זי האָט, אָן איר וויסן, נאָכגעפאָלגט פּיערס געדאַנק.

פּיער האָט אויפגעציטערט פון אָט דעם עכאָ פון זיין אייגענעם געדאַנק:

— יאָ, ריכטיק, האָט ער געזאָגט, און גערעכט אַלץ, וואָס ס'וועט נישט קומען. די וועלט איז צו אַלט, זי מוז, זי מוז שטאַרבן.

און טרויעריק, פאַריאושט, האָט לוציע נאָכגעזאָגט, מיט

אראָפּגעלאָזטן קאָפּ: — יאָ.

אָ, קינדערשע געזיכטער, פולע מיט ערנסט, געבויגענע פארן בלינדן גורל! יונגע, פון דאגה צעקנייטשטע שטערנס, וואָס טראָגן אויס אזעלכע יאושדיקע געדאנקען!...

שאָטנס האָבן זיך צעלייגט איבערן צימער. ס'איז געווען אביסל קאלט. לוציע, מיט געפרוירענע הענט, האָט אויפגעהערט ארבעטן און נישט דערלויבט פיערן צו באקוקן די ארבעט. זיי זענען צו צום פענסטער און צוגעזען, ווי דער אָוונט פאלט צו אויף די טרויעריקע פעלדער און באוואלדטע בערג-שפיצן. די פיאָלעטע וועלדער האָבן געמאכט א האלב קרייז אויפן גרינעם מיט בלאסן גאָלדשטויב באדעקטן הימל. עפּעס פון פּיווי דע שאוואנס נשמה האָט געצאפּלט אין דער לופט. לוציעס א פּשוט וואָרט האָט געוויזן, אז זי פארשטייט די געהיימע הארמאָניע. ער האָט כמעט געשטוינט. זי אָבער האָט זיך נישט באליידיקט און געזאָגט, אז מ'קען גרייליך עפּעס פילן און נישט זיין אימשטאנד עס אויסצודריקן. אויב זי צייכנט שלעכט, איז זי אין דעם נישט שולדיק. מחמת שלעכט אפשר פאר-שטאנענער שפּאָרזאמקייט, האָט זי נישט פארענדיקט איר ביל-דונג אין שול פאר דעקאָראטיווער קונסט. ווייטער, האָט זי נאָר די נויט געטריבן צו מאָלן. צו וואָס מאָלן אָן א נוצן? און געפינט ער נישט, אַז כמעט אלע די, וואָס פארנעמען זיך מיט קונסט, טוען דאָס אָן אמתער באדארפעניש, בלויז פון הייטלקייט, כדי די צייט צו פארטרייבן, אָדער גאָר ווייל תחילת גלויבן זיי צו האָבן אזא באדארף און שפּעטער ווילן זיי זיך נישט מודה זיין, אז זיי האָבן זיך גענארט. מ'דארף ווערן א קינסטלער נאָר דאן, ווען מ'קען אין זיך נישט איינ-האלטן דאָס, וואָס מ'פילט, אויב מ'האָט דאָס צופיל. אָבער זי, האָט לוציע געזאָגט, זי האָט עס ריכטיק גענוג פאר איינעם. און צוגעגעבן:

— ניין, פאר צווייען.

(ווייל ער האָט זיך א קרום געטון).

די שיינע גאָלדפארב פון הימל איז ברוינער געוואָרן.

דער לײדיקער פּלײן ארום איז געוואָרן אומהײמלעך. פּיער האָט געפרעגט לוציען, צי האָט זי נישט מורא אין אזא אײנ־זאמקײט.

— נײן.

— און װען איר קומט שפּעט אהײם?

— נישטאָ קײן סכנה. אפאשן קומען נישט אהער, זײ האָבן זײערע מנהגים. זײ זענען אױך קלײנבירגער. און דאן האָבן מיר א אלטן שמאטע־זאמלער מיט א הונט אין שכנות. און סתם, איך האָב קײן מורא נישט. א, איך באַרים זיך נישט! ס׳איז קײן שום פאַרדינסט נישט. כ׳בין נישט קײן העלד. נאָר, כ׳האָב נאָך נישט געהאט די געלעגנהײט זיך צו טרעפן מיט אמתער שרעק. װען כ׳װעל זיך טרעפן מיט איר פּנים אל פּנים, װעל איך אפשר זײן א גרעסערער פּחדן פון אנדערע.

קען מען דען װיסן, װאָס מ׳איז?

— איך װײס, װאָס איר זײט, האָט פּיער געזאָגט.

— א, דאָס איז גאַנץ גרינג. איך װײס אױך... װעגן אײך. מ׳װײסט שטענדיק בעסער װעגן אנדערע.

א פײכטע אָװנט־קילקײט איז ארײן דורך די פאַרמאַכטע פענסטער. פּיער האָט אביסל געציטערט. לוציע, װאָס האָט עס גלײך אױף זײן נאַקן דערקענט, איז געלאָפן מאַכן שאָקאָלאַד אױף דער ספּירט־מאַשינקע. זײ האָבן בײדע געגעסן. לוציע האָט מוטערלעך ארױפגעװאָרפן איר שאַל אױף פּיערס אַקסלען; און ער האָט זיך געלאָזט, װי א קאַץ, װאָס האָט הנאה פון א װאַרעמען צודעק. זײערע געדאנקען זענען װידער ארױף אױף דער געשיכטע, װאָס לוציע האָט איבערגעריסן צו דערצײלן. פּיער האָט געזאָגט:

— איר בײדע אײנזאמע, אַזעלכע אײנזאמע, אײער מוּ־טער און איר, איר מוזט זײן צו זיך זײער צוגעבונדן?

— יאָ, האָט לוציע געענטפערט. מ׳איז טאַקע געװען צוגעבונדן.

— געװען? האָט פּיער נאָכגעזאָגט.

אָך, מיר האָבן זיך נאָך גאַנץ ליב! האָט לוציע געזאָגט, פילנדיק זיך אַביסל אומבאַקװעם צוליבן װאָרט, װאָס האָט זיך

איר אַרויסגעכאַפּט. (פאַרוואָס זאָגט זי אים תמיד מער ווי די ווײַל? ווען ער פרעגט אפילו נישט, ער וואַגט נישט צו פרעגן. נאָר זי האָט געזען, אז זײַן האַרץ פרעגט — און ס׳איז גוט אויסצורעדן זיך, ווען מ׳האָט עס ביז איצט קיינמאָל נישט געקענט טון! די שטילקייט אין שטוב, די האַלבטונקלקייט אין צימער האָבן זי געשטויסן זיך אַרויסצוזאָגן). זי האָט געזאָגט:

— שווער געוואָרן עפּעס צו פאַרשטיין אין אָט די פיר יאָר. אַלע האָבן זיך געביטן.

— אײַער מוטער, אָדער איר, האָט זיך געענדערט?

— אַלע, האָט לוציע איבערגעחזרט.

— מיט וואָס?

— ס׳איז שווער צו זאָגן. מ׳פילט, אַז אומעטום, צווישן באַקאַנטע, אפילו אין דער משפחה, האָבן זיך די באַציאונגען געביטן. מ׳האָט אויפגעהערט צו זײַן אין וואָס ס׳נישט איז זיכער. אינדערפרי זאָגט מען זיך: „וואָס וועט זײַן אין אָוונט? וועל איך אים דערקענען?” מ׳איז ווי אויף א ברעט, אינמיטן וואַסער, האַרט פאַרן אונטערגיין.

— וואָס איז דען געשען?

— כ׳ווייס נישט, האָט לוציע געענטפערט, כ׳קען עס נישט דערקלערן. אָבער אזוי איז עס זינט דער מלחמה. עפּעס איז אין דער לופט דאָ. אַלע זענען עפּעס אומרואיק. מ׳זעט אין משפחות אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינער אָן צווייטן פריער באַגיין נישט געקענט און איצט איז מען דערווייטערט, יעדער באַזונדער. און יעדער, ווי איבערגעשראָקן, פאַר זיך, אײַלט ערגעץ.

— וואו דען?

— כ׳ווייס נישט. און קיינער, דוכט זיך, ווייס נישט וואוהין דער צופאַל און חשק טרײַבט. די פרויען נעמען זיך געליבטע. די מענער פאַרגעסן זייערע ווײַבער. אָרנטלעכע לײַט, וואָס זענען געווען אַזעלכע רואיקע און געזעצטע. אומעטום הערט מען וועגן צעשטערטע פאַמיליען-לעבנס. און דאָס זעלבע איז צווישן עלטערן און קינדער: מײַן מאַמע...

7234

זי האָט אָפּגעהאקט, און דערנאָך ווייטער געזאָגט:
— מיין מאמע האָט זיך איר לעבן.
זי האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— אָ, דאָס איז גאַנץ נאטירלעך! זי איז נאָך יונג, און די אָרעמע מאַמע האָט נישט געהאט צופיל גליק; זי האָט נישט אויסגעשעפּט איר גאנצן אוצר פון ליבע. זי האָט רעכט ווידער צו וועלן מאכן א לעבן.

פיער האָט געפרעגט:
— זי וויל ווידער חתונה האָבן?
לוציע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי ווייסט נישט...
פיער האָט נישט געוואגט צוצושטיין.

— זי האָט מיך גאנץ ליב. אָבער נישט אזוי ווי פריער. זי קען זיך איצט באגיין אָן מיר... אָרעמע מאמע! זי וואָלט די ערשטע געהאט א סך עגמת נפש, זי זאָל געוואָר ווערן, אַז זי ליבט מיך נישט מער! זי וואָלט זיך דערצו נישט מודה געווען...

ווי לעכערלעך דאָס לעבן איז!

זי האָט געשמייכלט ליבלעך, טרויעריק און אביסל שפּאָטיש.

אויף אירע אָן טיש אָנגעלענטע הענט האָט פיער זיין האנט צערטלעך אוועקגעלייגט און איז געבליבן אומבאוועגלעך.

— מיר זענען אָרעמע באשעפענישן, האָט ער געזאָגט.
לוציע, נאָך א ווײַלע:

— מיר, מיר זענען רואיק... אנדערע פיבערן. מלחמה. פאבריקן. מען איילט. מ׳איילט ארבעטן, לעבן, הנאה האָבן...

— יאָ, האָט פיער געזאָגט, ס׳לעבן איז קורץ.

— איז אוודאי נישטאָ וואָס צו לויפן! האָט לוציע געזאָגט. דער סוף קומט צו גיך. טאָ לאָמיר גיין פּאמעלעך.

— אָבער ס׳לעבן לויפט, האָט פיער געזאָגט, לאָמיר עס איינהאלטן.

— איך האלט עס, איך האלט עס, האָט לוציע געזאָגט, האַלטנדיק זיין האנט.

אזוי האָבן זיי כסדר, אָט ליבלעך, אָט שווערמוטיק, געשמועסט, ווי אַלטע גוטע פריינט. אָבער זיי האָבן זיך באַמיט, דער טיש זאָל כסדר בלייבן צווישן זיי.

ביז זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז נאַכט אין צימער. פּיער איז גיך אויפגעשטאַנען. לוציע האָט אים נישט פאַרהאַלטן. די קורצע צייט איז אריבער. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס האָט געקענט קומען. זיי האָבן זיך געזאָגט אַ „גוטע נאַכט" מיט דער זעלבער איינגעהאַלטנקייט, שטיל, ווי בעת ער איז אַריינגעקומען. ביי דער שוועל האָבען זיי קוים געוואַגט צו דריקן זיך די הענט.

ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, און פּיער האָט פאַרן אַרויסגיין פון גאָרטן אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כדי צו וואַרפן נאָך אַמאָל אַ בליק אויפן פאַרטער-פענסטער, האָט ער דערזען לוציעס סילועט, ווי זי קוקט אים נאָך מיט אַ צעהיצטן פּנים. ער האָט זיך אומגעקערט צום פענסטער און צוגעדריקט זיינע ליפּן צו די שויבן. און דורך די שויבן האָבן זייערע ליפּן זיך געקושט. דערנאָך איז לוציע אָפּגעטראָטן אין שאָטן פון צימער, און דאָס פאַרהענגל איז אַראָפּגעפאַלן.

שוין צוויי וואָכן ווי זיי האָבן נישט געוואוסט גאָרנישט וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט. אין פאריז האָט מען געמעגט אויף שריט און טריט ארעסטירן און משפטן; דייטשלאנד האָט געמעגט שליסן אָפּמאכן און זיי ברעכן; רעגירונגען האָבן געמעגט ליגנס פארשפרייטן; די פרעסע — פעלשן און די חילות — שעכטן. זיי האָבן קיין צייטונגען נישט געלייענט. זיי האָבן געוואוסט, אז ערגעץ איז מלחמה, גאָר נאָענט, ווי ס'איז פארהאן טיפוס, אינפלוענצא: אָבער צו זיי האָט עס נישט; זיי האָבן דערפון טראכטן נישט געוואָלט.

די נאכט, האָט די מלחמה גענעבן זיי צו וויסן וועגן זיך. זיי זענען שוין געשלאָפן (זיי האָבן אזוי פיל האריץ פארשווענדעט בייטאָג, אז ווי דער אָוונט איז געקומען, האָבן זיי זיך געפילט דערשעפּט). זיי האָבן געהערט דעם אלארם, יעדער אין זיין קווארטל, און נישט געוואָלט אויפשטיין. זיי האָבן פארגראָבן די קעפּ אונטער די קאָלדרעס, ווי קינדער, וואָס האָבן מורא פאר א שטורם — נישט מחמת שרעק (זיי זענען געווען זיכער, אז ס'קען זיי גאָרנישט געשען), נאָר כדי צו טרוימען. לוציע האָט אין דער נאכט, הערנדיק די לופט זיך טרייסלען, געטראכט:

— ס'וואָלט גוט געווען אין זיינע אָרעמס צו הערן בושעווען אָט דעם שטורם!

פיער האָט זיך פארשטאָפּט די אויערן. זאָל גאָרנישט נישט שטערן זיינע מחשבות! ער האָט זיך באַמיט אויף דער קלאַוויאַטור פון זיין זכרון אויסצושפּילן דעם געזאנג פון טאָג׳

די מעלאָדיע פון די שעהן פון דער ערשטער מינוטן און, ווי ער איז אריין אין לוציעס וואוינונג, די קלענסטע ניואנסען פון איר קול און בעוועגונגען, די בילדער נאָך דער ריי נאָך, וואָס דער בליק האָט אויף דערגיך אויפגעכאפּט,—אַ שאָטן פון א ברעם, אַ פאַליע פון עמאציעס, וואָס איז אַדורך איבער דער הויט ווי א כוואליע איבערן וואסער, א שמייכל אויף די ליפן, ווי א שטראל, און איר באק אָנגעלענט אויף די נאקעטע ליבע אויסגעצויגענע צוויי הענט,— די טייערע פּרטים, וואָס די כשוף-פאנטאזיע פון ליבע האָט זיך באמיט צו באהעפטן אין איינס. ער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך די דרויסנדיקע טומ-לען. דער דרויסן איז געווען פאר אים א דערעסענער גאסט... מלחמה? כ׳ווייס, זי איז דאָ? זאָל זי ווארטן!... און די מלחמה האָט געדולדיק געווארט הינטער דער טיר. זי האָט געוואוסט, אז ס׳וועט קומען איר ריי. ער האָט דאָס אויך גע-וואוסט, און דעריבער טאקע האָט ער זיך נישט געשעמט מיט זיין עגאָאיזם. די פאליע פון טויט וועט אים אָט באלד פאר-כאפּן. צאָלן פּאָרויס דארף ער נישט. לחלוטין נישט. זאָל דער טויט קומען צום טערמין פונם צאָלן און ביז יענער צייט, זאָל ער שווייגן! אך! ביז דאן לכל הפחות וויל ער גאָרנישט פארלירן פון דער וואונדערלעכער צייט; יעדע רגע איז א גאָלדקערנדל, און ער איז דער קארגער, וואָס היט זיין אוצר. דאָס איז מיין, מיין פארמעגן! רירט זיך נישט צו צו מיין פריידן, צו מיין ליבע! זי איז מיין, ביז דער צייט... און ווען די צייט וועט קומען?... אפשר וועט זי אינגאנצן נישט קומען!— א נס?... פארוואָס נישט?

אזוי, אין דערווארטונג, זענען געלאָפן די שעה׳ן און טעג. אלע מאָל איז נאָענטער געוואָרן דאָס קראכן פון האר-מאטן. אויסגעצויגן אין א שיפל, האָבן פּיער און לוציע זיך איינגעהערט. אָבער מורא האָבן זיי מער נישט געהאט. אפילו די גראָבע שטים, ווי א אָרגל-באס האָט נאָר איינגעוויגט זייער ליבע-חלום. אז מ׳שטייט פאר א תהום, פארמאכט מען די אויגן, מ׳דריקט זיך נענטער צונויף, און אלץ איז געענדיקט, מיט

איינמאָל. דער אָפּגרונט האָט זיי איינגעשפּאָרט צו טראַכטן וועגן לעבן. וואָס וואָלט געווען, וואָס וואָלט געקענט זיין, אין דער אומבאַקאַנטער צוקונפט. לוציע האָט קלאָר געזען די מניעות, וואָס פּיער וואָלט אָנגעטראָפן, ווען ער וואָלט איר החתונה האָבן; און פּיער האָט ווייניקער קלאָר (ער האָט ווייניקער ליב געהאַט קלאָרקייט), אָבער אויך זיך געשראָקן פאַר די מניעות. אָבער לאָמיר נישט קוקן אַזוי ווייט! ס'לעבן פון יענער זייט תּהום איז ווי „יענע וועלט", וועגן וועלכער מ'דערציילט אין קירך. מען זאָגט, אַז דאָרט טרעפט מען זיך ווידער; נאָר מ'איז נישט זיכער. איין איינציקע זאַך נאָר איז זיכער: דער הייַנט, אונזער געגנוואַרט. לאָמיר זשע, אָן חשבון, אויסגעבן אויף איר אונזער גאַנצן חלק „יענע וועלט"!

לוציע איז נאָך ווייניקער פון פּיערן געווען להוט נאָך נייעסן. די מלחמה האָט זי כּלל נישט אינטערעסירט. דאָס איז בלויז נאָך אַ אומגליק צו די אַלע אומגליקן, פון וועלכע ס'לעבן באַשטייט. פאַר די, וואָס קוקן ניכטערן אויף דערווירקלעכקייט, איז נישטאָ זיך וואָס צו וואונדערן. און דאָס יונגע מיידל, וואָס האָט פון פּריצייטיקער דערפאַרונג געקענט דעם קאַמף פאַרן אַלטעגלעכן ברויט (גאָט גיט עס נישט אומזיסט!).

זי האָט אַנטפּלעקט פאַר איר בורזשואַזן חבר די מער-דערישע מלחמה, וואָס פאַר אַלע אָרעמע לייט און קודם כּל פאַר די פרויען, הערט זי גאָר קיינמאָל נישט אויף, דויערט כּסדר, פאַרבאָרגענערהייט, אונטער דער ליגנערישער מאַסקע פון שלום. זי האָט נישט דערציילט צופיל פון דעם, כּדי אים נישט מצער זיין: זעענדיק, ווי ער שטוינט ביי אירע דער-ציילונגען, האָט זי געהאַט אַ געפיל פון איר אייגענער הע-כערקייט. ווי דער רוב פרויען, האָט זי פאַר געוויסע מיאוס-קייטן פון לעבן נישט געהאַט דעם פיזישן און מאָראַלישן עקל, וואָס פלעגט אויפטרייסלען דעם יונגן פּיערן. זי איז כּלל נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערין. אין די ערגסטע באַדינגונגען האָט זי געקענט נעמען אויף זיך די מיאוס'סטע אויפגאַבעס

און ארויס פון זיי א רואיקע, א ריינ׳ע, אָן א פלעק. איצטער וואָלט זי דאָס שוין מער נישט געקענט, ווייל פון זינט זי האָט דערקענט פיערן, האָט די ליבע אין איר איינגעטריפט זיין געשמאק און זיין ווידערגעפיל. אָבער איר אמתע נאטור איז נישט געווען אזא. זי איז געווען א רואיקע, א שמייכלענ־דיקע, גאָר נישט קיין פעסימיסטין. פון מרה־שחורה, קאצניאָ־מער האָט זי נישט געוואוסט. ס׳לעבן איז אזא ווי ס׳איז. נע־מען מיר עס ווי ס׳איז! ס׳וואָלט געקענט נאָך ערגער זיין! דאָס אומזיכערע לעבן, ווי לוציע האָט עס צופרי דערקענט, יאָגנדיק זיך נאָך מיטלען צום לעבן, באזונדער בעת דער מלחמה, — דאָס האָט זי אויסגעלערנט, נישט צו זאָרגן וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג. מען דארף נאָך צוגעבן, אז פאר אָט דער יונגער פרייער פאריזערין האָט נישט עקזיסטירט קיין שום מעטאפיזיק. פאר איר האָט געניגט דאָס לעבן. און דאָס לעבן איז שיין, אָבער ס׳האלט זיך אויף אזא דינעם פאָדעם, און מען דארף אזוי ווייניק ער זאָל זיך איבעררייסן, אז ס׳לוינט באמת נישט צו ברעכן זיך דעם קאָפּ איבער דעם, וואָס מאָרגן קאָן געשעען. אויגן מיינע, טרינקט אייך אָן מיט׳ן טאָג, וואָס טובלט אייך פארבייגייענדיק! און וואָס שפּעטער וועט זיין, פארלאָז דיך, מיין הארץ, אויפן גורל!... סיי ווי קאָן מען אנדערש נישט מאכן!... און דערווייל, ביז מען האָט נאָך ליב, איז דען דער טאָג נישט זיס? לוציע האָט גוט געוואוסט, אז לאנג דויערן וועט עס נישט, אָבער איר לעבן איז דאָך אויך נישט אויף לאנג...

זי איז כלל נישט געווען ענלעך צו דעם יונג, וואָס האָט זי געליבט און וועלכן זי האָט ליב געהאט; ער איז גע־ווען אזא צארטער, היציקער און נערוועזער, גליקלעך און אומ־גליקלעך גלייכצייטיק, האָט תמיד זיך געפרייט אָדער געליטן אָן א מאָס, זיך ליידנשאפטלעך אויפגערעגט און ליידנשאפטלעך זיך אָפּגעגעבן, אָן א גרענעץ. און ער איז איר געווען טייער, טאקע דערפאר, ווייל ער איז צו איר נישט ענלעך. אָבער ביידע האָבן גלייך געהאט דעם שטומען ווילן נישט צו זען

די צוקונפט: זי פון זאָרגלאָזיקייט, ווי א רוישיק זינגעוודיק טייכל; און ער פון עקזאלטירטן פעסימיזם, וואָס זינקט איז תהום פון געגנוואַרט און וויל שוין פון אים נישט ארויס.

דער עלטערער ברודער איז געקומען אהיים אין אורלויב אויף עטלעכע טעג. גלייך פון ערשטן אָוונט האָט ער באמערקט, אז עפּעס האָט זיך אין דער פאמיליען-סביבה געביטן. וואָס? וואָלט ער נישט געקענט זאָגן, נאָר עפּעס האָט אים גערייצט. דער גייסט האָט שפּירפּעדעם, וואָס דערפילן פונדערווייטנס, נאָך איידער דער באוווסטזיין האָט עפּעס גענומען צו קענטעניש. און די פיינסטע פילבארקייט האָט די אייגנליבע. פיליפּס שפּירפּעדעם האָבן אומרואיק געזוכט און זיך געוואונדערט: עפּעס האָט זיי געפעלט... האָט ער דאָך דאָ געהאט דעם קרייז, וואָס האָט תמיד ארויסגעוויזן צו אים אזא אויפמערקזאמקייט, אזא רעספּעקט — די אוידיטאָריע, וואָס פלעגט שלינגען זיינע דערציילונגען — די עלטערן, וואָס האָבן אים געהערט מיט צערטלעכער באוואונדערונג — דער יינגערער ברודער!...

שטיי! אָט, טאקע ער פעלט!

ער איז געווען, פיער, אָבער ער האָט שוין נישט אזוי געפּאדעט ארום עלטערן ברודער, און האָט נישט פארלאנגט, ווי פריער, יעדער זאָל זיין מיט אים אינטים. ארימע אייגנליבע! פיליפּ, וואָס פלעגט פריערקע צייטן ענטפערן אויף די היציקע פראגן פון זיין יינגערן ברודער מיט א טאָן פון שפּאָטיש-אפּיטראָפּסישער מידקייט, האָט זיך איצט געפילט באליידיקט, וואָס פיער פרעגט אים גאָר נישט. און ער האָט אים געפּרוּווט פראָוואָצירן: ער איז געוואָרן ריידעוודיקער און בעתן ריידן געקוקט אויף פיערן, ווי געוואָלט אים געבן צו

פארשטיין, אז דער גאנצער שמועס איז נאָר פאר זיינעטוועגן: א אנדערמאָל וואָלט פיער זיך געצאפּלט פון פרייד און וואָלט אויפגעכאפּט דאָס געוואָרפענע טיכעלע. איצט אָבער האָט ער רואיק געלאָזן עס פּיליפּן אליין אויפהייבן, אויב נאָר יענער האָט חשק דערצו. א געטראָפענער, האָט פּיליפּ געפּרוווט זיך מיט איראָניע. פיער האָט זיך נישט פארלוירן און געענטפערט געלאַסן, אין זעלבן טאָן. פּיליפּ האָט גענומען דיסקוטירן, זיך היצן, באווייזן. באלד האָט ער זיך געכאפּט, אז ער דיסקוטירט מיט זיך אליין. פיער האָט אים אָנגעקוקט גלייכגילטיק, און ווי ער וואָלט געזאָגט צו אים:

— רעד, רעד, ליבער פריינט! אויב ס'מאכט דיר פארגעניגן, מעגסטו רעדן! כ'הער...

דאָס חוצפּהדיקע קליין שמייכעלע!... די ראָלן האָבן זיך געביטן.

פּיליפּ איז אנטשוויגן געוואָרן, א באליידיקטער, און האָט נאָך אויפמערקזאמער גענומען אָבסערווירן דעם ייִנגערן ברודער, וועלכער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ווי ער האָט זיך געביטן! די עלטערן, וואָס זענען כסדר געווען מיט אים צוזאמען, האָבן גאָרנישט באמערקט; אָבער פּיליפּס דורכדרינגענדיקע און דערביי נאָך אייפערזיכטיקע אויגן, האָבן נאָך עטלעכע חדשים אָפּוועזנהייט נישט געפונען מער דעם באקאנטן געזיכט-אויסדרוק. פיער האָט אויסגעזען גליקלעך, ליידנשאפטלעך מיד און בארוישט, גלייכגילטיק צו מענטשן און נישט אויפמערקזאם צו זאכן, ווי ער וואָלט שווימען כסדר אין א אטמאָספער פון גליענדיקע טרוימען, ווי א יונגע מיידל. און פּיליפּ האָט געפילט, אז ער עקזיסטירט מער נישט פאר פיערן.

ער האָט אָבער נישט וויניקער געקענט זיך אנאליזירן, ווי יענעם אָבסערווירן, — האָט ער גיך תּופס געווען די סיבה פון זיין אייגענער אומצופרידנקייט און פון איר זיך אויסגעלאכט. ער האָט זיין אייגנליבע אוועקגעלייגט אָן א זייט, און זיך נענטער פאראינטערעסירט מיט פיערן און געזוכט דעם

סוד פון זיין ענדערן זיך. ער האָט אפילו געוואָלט בעטן פיערן זיך אים צו פארטרויען; אָבער צו אזא מיטל איז ער נישט געווען געוואוינט, און איבעריקנס, האָט פיער זיך אזוי געהאלטן, ווי ער וואָלט נישט האָבן קיין שום באדערפעניש צו פארטרויען זיך: מיט א זאָרגלאָזן שפּאָטישן אומווילן האָט ער צוגעזען, ווי פיליפ פרוווט זיך היינטנארום פארוואָרפן אויף אים א נעץ; אונטערשמייכלענדיק, די הענט אין די קעשענעס, פייפנדיק א לידל, טראכטנדיק וועגן עפּעס אנדערש, פלעגט ער ענטפערן צעשטרייט, נישט גוט הערנדיק וועגן וואָס מ'פרעגט אים — און גלייך אוועק צו זיך. א גוטע נאכט! ער איז שוין מער נישטאָ. האָסט שוין מער נישט ווי זיין שאָטן, וואָס גליטשט זיך ארויס פון צווישן די פינגער. — און פיליפ, ווי א פארשטויסענער פארליבטער, האָט איצט אָפּגעשאצט דעם ווערט פון ברודערס הארץ, וואָס איז פאר אים פארלוירן געגאנגען, דעם סוד פון אָט דעם הארץ האָט אים איצט רוען נישט געלאָזט.

דעם באשייד פון דעם רעטעניש האָט ער דורך א צופאל געפונען. ווען ער איז אין איינעם א אָוונט געגאנגען א היים דורכן בולוואר מאָנפּארנאס, האָט ער אין שאָטן אָנגעטראָפן פיערן מיט לוציען. ער האָט מורא געהאט, זיי זאָלן אים נישט באמערקן. אָבער זיי איז כּלל נישט אָנגעגאנגען, וואָס ס'טוט זיך ארום זיי. ענג צוגעטוליעט, געאָרעמט, מיט צוזאמען-באהעפטע פינגער, זענען זיי געגאנגען מיט קליינע טריטעלעך, און פון זיי האָט געאָטעמט מיט יענער ליידנשאפטלעכער גיריקער ליבשאפט, ווי מען מאָלט זי אין עראס און פסיכע אויף פארנעזינעס חתונה-געלעגער. זיי האָבן אויסגעזען ווי צענויפגעגאָסן, ווי איין שטיק וואקס. פיליפ, אָנגעלענט אין א בוים, האָט געזען זיי פארבייגיין, אָפּשטעלן זיך, ווייטער גיין און פארשוואונדן אין דער נאכט. און ער האָט רחמנות געקריגן אויף די צוויי קינדער. ער האָט געטראכט:

— איך האָב שוין מיין לעבן מקריב געווען. זאָל זיין! אָבער ס'איז א אומרעכט אויך זייערס צוצונעמען. וואָלט איך

כאָטש געקענט אויסלייזן זייער גליק!

צומאָרגנס האָט פּיער, ביי זיין גאנצער נישט-אויפמערק-זאמקייט, דאָך באמערקט, אז דער ברודער רעדט מיט אים מיט א הארציקערן טאָן, ווי ביז איצט.

און ווי האלב דערוואכט, האָט ער דערזען פּיליפּס גוטע אויגן, וועלכע ער האָט שוין לאנג נישט געקענט. פּיליפּ האָט אזוי אָפן געקוקט אויף אים, אז פּיער האָט געהאט דעם איינדרוק, אז דער בליק פּאָרשט אים אויס, און ער האָט איילִיק און אומגעלומפּערט געפּרוווט ארויפוואַרפן א שלייער אויף זיין סוד. אָבער פּיליפּ האָט געשמייכלט, איז אויפגע-שטאנען און ארויפלייגנדיק די האנט אויף פּיערס אקסל, אים פאָרגעלייגט זיך דורכגיין שפּאצירן. פּיער האָט נישט געקענט זיך אנטקעגנשטעלן דעם נייעם צוטרוי, וואָס איז אים געוואָרן ארויסגעוויזן; און זיי זענען צוזאמען אוועק אין לוקסעמבורגער גאָרטן. דער עלטערער האָט געלאָזן ווייטער זיין האַנט אויפן יינגערנס אקסל; און יענער האָט זיך געפּילט שטאָלץ מיט דער באנייטער פריינטשאפט. זיין צונג האָט זיך אויפגעבונדן. זיי האָבן לעבעדיק געשמועסט וועגן גייסט-פראגן, וועגן זייער לייענען, וועגן זייערע מיינונגען איבער מענטשן און זייערע נייע דערפארונגען, פון אלץ — א חוץ דער טעמע, וועגן וועלכער זיי האָבן ביידע געטראכט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי א שווייגנדיקער אָפּמאך. זיי זענען געווען גליקלעך צו פילן זיך אינטים, מיט א שותפותדיקן סוד צווישן זיך. אזוי שמועסנדיק, האָט פּיער זיך געפרעגט:

— ווייסט ער?... פון וואנען קאָן ער וויסן?...

פּיליפּ האָט אים, שמייכלענדיק, געלאָזט פלוידערן. פּיער האָט אָפּגעהאקט אינמיטן זאץ...

— וואָס מיינסטו?

— גאָרנישט. כ׳קוק דיך אָן, כ׳בין צופרידן.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט. אהיימגייענדיק, האָט פּיליפּ געפרעגט:

— ביסטו גליקלעך?

פיער האט נישט ריידנדיק געשאקלט מיטן קאפ אויף יא.

— ביסט גערעכט, מיין ליבער. גליק איז גוט. נעם אויך מיין חלק.

כדי אים נישט איבערפירן די שטימונג, האט פיליפ אויסגעמיטן די גאנצע צייט צו דערמאנען א ווארט וועגן דער נאנטער מאביליזאציע פון פיערס יארגאנג, אבער אין טאג פון זיין אפפאר האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן נישט אויסצודריקן זיין זארג, וואס פיער וועט אינגיכן אויך מוזן אויסשטיין די אלע נסיונות, וואס ער קען שוין אזוי גוט. ס׳איז קוים א שאטן אַדורך איבערן שטערן פון יונגן פארליבטן. ער האט לייכט פארצויגן די ברעמען, א פינטל געטון מיט די אויגן, ווי אויף צו פארטרייבן א שלעכטע מחשבה און געזאגט:

— מילא!... שפעטער!... ווער קען וויסן?

— מ׳ווייסט שוין צו גוט, האט פיליפ געזאגט.

— וואס איך וויים זיכער, האט פיער א געצוואונגענער געזאגט, איז—אז איך וועל, זייענדיק דארט, נישט מארדן.

— פיליפ האט נישט געענטפערט, נאר טרויעריק געשמייכלט. ער האט צו גוט געוואוסט, וואס דער אמברחמנותדיקער כוח פון סטאדע מאכט מיט שוואכע נשמות און מיט זייער ווילן.

מערץ איז געקומען, מיט גרעסערן זונשיין און מיט די ערשטע פייגל-געזאנגען. אבער מיט יעדן טאג זענען אַלץ גרעסער געווארן די פינסטער-גרויזאמע פלאמען פון דער מלחמה. די לופט האט געפיבערט אין דערווארטונג פון פרילינג און חורבן. מ׳האט געהערט דייטלעכער דאס שרעקלעכע ברומען, דאס קלאפן פון געווער, פון מיליאנען פיינט, וואס זענען זינט חדשים פארזאמלט קעגן דער וואנט פון שוץ-גראבנס און זענען גרייט אט אריבערצוגיין און ווי א ים צו פארפלייצן דאס הארץ פון דער הויפט-שטאט. אימה׳דיקע קלאנגען האבן פאַרויסגעזאגט א קאטאסטראפע: פאנטאַסטישע מעשיות וועגן פארסמטע גאזן, וועגן גיפט צעגאסן אין דער לופט, וואס וועט גאנצע פראווינצן פארניכטן, ווי די שטיקנדיקע גאזן פון בארג-וואולקאן פעלע. און די אלץ אפטערע וויזיטן פון די דייטשע אעראפלאנען האָבן געשיקט אונטערגעהאלטן די נערוועזע שטימונג פון פאריז.

פיער און לוציע האָבן אלץ נישט געוואָלט וויסן, וואָס ארום זיי טוט זיך. אָבער דער פיבער, וואָס זיי האָבן, אָן זייער וויסן, איינגעזאפט פון ארום, האָט געדייצט די תאווה, וואָס האָט געטליעט אין זייערע לייבער. דריי יאָר מלחמה האבן ארויסגערופן אין אייראפע א מאראלישע נישטגעבונדנקייט, וואס האט אנגעשטעקט אפילו די ערלעכסטע.ביידע קינדער זענען נישט געווען רעליגיעז. אבער זיי זענען געווען געשיצט פון זייער אינערלעכער איידלקייט, פון זייער אינסטינקטיווער שעמעוודיקייט. נאר אין געהיים האבן זיי ביי זיך בא,

שלאָסן זיך קעגנזייטיק אָפּצוגעבן, איידער די מענטשלעכע אכזריות וועט זיי צעשיידן. זיי האָבן זיך עס נאָך נישט געזאָגט, זיי האָבן זיך עס ערשט דעם אָוונט געזאָגט.

איין אָדער צוויי מאָל אין וואָך האָט לוציעס מאַמע געמוזט צוליב דער אַרבעט נעכטיקן אין פאַבריק און דאַן פלעגט לוציע, כדי נישט צו בלייבן אַליין אין אַ פוסטע געגנט נעכטיקן ביי אירע אַ חברטע אין פּאַריז. דאָרט האָט מען איר נישט צופיל נאָכגעקוקט. די יונגע פאַרליבטע האָבן אויסגענוצט די פרייקייט צו קענען צוזאַמען פאַרברענגען דעם אָוונט; און טיילמאָל פלעגן זיי אין אַ קליינעם רעסטאָראַן עסן צוזאַמען אַ באַשיידענעם מיטאָג. אַרויסגייענדיק נאָכן עסן אין דעם אָוונט פון האַלב מערץ, האָבן זיי דערהערט קלינגען אויף אַלאַרם. זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ נאָענט באַהעלטעניש, ווי פּאַר אַ געוויסער, און אַ צייט לאַנג זיך געווײלט, אָבסערווירנדיק זייערע צופעליקע חברים. אָבער מיינענדיק, אַז די סכנה איז צו ווייט אָדער גאָר אַריבער, הגם מ׳האָט נאָך נישט אָנגעזאָגט דעם סוף פון אַלאַרם, האָבן זיך פּיער און לוציע, פרייליך פלוידערנדיק, נישט וועלנדיק צו שפּעט קומען אַהיים געלאָזן אין וועג. זיי זענען אַריין אין אַ אַלטע, פינסטערע און שמאָלע גאַס, נישט ווייט פון דער קירך סען-סולפּיס. נעבן אַ טויער האָבן זיי אויסגעמיטן אַ שטייענדיקע דראָזשקע מיט אַ שלאָפנדיקן פורמאַן. זיי האָבן זיך געפונען אַ צוואַנציק טריט ווייטער אויפן צווייטן טראָטואַר, ווי פלוצלינג איז אַלץ אַרום געוואָרן אויפגעטרייסלט: אַ בלענדנדיקע רויטקייט, אַ הילכיקער קראַכן און אַ רעגן פון אָפּגעריסענע שטיקער מויער און צעבראָכענע שויבן. אין אַ נישע פון אַ הויז, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט אין גאַס, האָבן זיי זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט און זייערע קערפּערס האָבן זיך ענג צעגויפגעפלאָכטן. ביים אָפּשיין פון בליץ האָבן זיי געזען זייערע אויגן, פול מיט ליבע און פרייד. און ווען ס׳איז ווידער געוואָרן נאַכט האָט לוציע געשעפּטשעט.

— ניין! כ׳וויל נאָך נישט!...

און פיער האט אויף זיינע ליפן געפילט אירע ליידנשאפטלעכע ליפן און ציין. זיי זענען געבליבן פארצאפלטע אין דער שווארצקייט פון דער נאכט. עטלעכע טריט פון זיי האבן מענטשן, וואס זענען אויס פון די שטיבער אויפגעהויבן פון צווישן די חורבות פון דער איבערגעקערטער דראזשקע דעם שטערבלעך פארוואונדעטן פורמאן, וואס איז אפגעגאנגען מיט בלוט. לוציע און פיער זענען געבליבן פארשטיינערט, אזוי ענג צוזאמענגעדריקט, אז ווען זיי זענען געקומען צו זיך האט זיך זיי געדאכט, אז זיי פילן נאך דאס נאקעטע לייב איינער פון צווייטן. זיי האבן זיך אפגעלאזט די הענט און באפרייט זייערע איינגעביסענע ליפן, וואס האבן ווי ווארצלען געטרונקען דעם געליבטן געטראנק. — און ביידע האבן זיי אנגעהויבן צו ציטערן.

— לאָמיר אהיימגיין! האָט לוציע געזאָגט, ווי באפאלן פון א היימלעכער אימה.

זי האָט אים מיטגעריסן.

— לוציע, דו וועסט מיך נישט לאָזן אוועקגיין פון לעבן, איידער?...

— אָ, גאָט, האָט לוציע געזאָגט, דריקנדיק אים דעם אָרעם, דער געדאנק איז שרעקלעכער פארן טויט!

— מיין ליבע! האָבן זיי ביידע געזאָגט.

זיי האָבן זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— ווען זשע וועל איך זיין דיינער? האָט פיער געפרעגט. (ער האָט נישט געוואגט צו פרעגן: „ווען וועסטו זיין מיינע?”).

לוציע האָט עס באמערקט, און איז געוועזן גערירט.

— ליבער, האָט זי אים געזאָגט... אין גיכן! איייל זיך נישט! דיין ליידנשאפט איז נישט גרעסער פאר מיינער!... לאָמיר נאָך בלייבן אזוי, א געוויסע צייט... ס'איז שיין!... דעם חודש נאָך, ביזן סוף!...

— ביז פסח? האָט ער געזאָגט.

(אין דעם יאָר איז פסח אויסגעפאלן סוף מערץ).

— יאָ, דער יום-טוב פון ווידערגעבורט.

— אָך, האָט ער געזאָגט, פריער פאר ווידערגעבורט איז דער טויט.

— שא! האָט זי אים פארשטעלט מיט דער האנט דאָס מויל.

זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט.

— היינטיקן אָוונט, האָט פיער געזאָגט, זענען אונזערע תנאים.

אָנגעלענט איינער אָן אנדערן, גייענדיק אין דער פינ-סטערניש, האָבן זיי שטיל, פון ליבע, געוויינט. דער באָדן אונטער זייערע פיס האָט געקראכט פון צעבראָכענעם גלאָז, און דער ברוק איז געווען פארבלוטיקט. טויט און נאכט האָבן געלויערט ארום זייער ליבע. אָבער איבער זייערע קעפּ, הויך צווישן דער איינקלאמערונג פון צוויי שווארצע מויערן פון דער שמאָלער גאס, האָט ווי אין א כישוף-קרייז, אין שויס פון הימל געקלאפט א הארץ פון א שטערן...

און אָ, וואונדער! די גלאָקן האָבן זיך צעזונגען, ווידער ליכטיק, די גאסן האָבן ווידער אויפגעלעבט! דער פיינט איז אָפּגעשלאָגן. פאריז האָט פריי אָפּגעאָטעמט. דער טויט איז אנטלאָפן.

ס'איז געווען ערב פאַלמען-זונטיק. טאָג טעגלעך פלעגן זיי שעהן לאַנג זיך זען; און זיי האָבן מער נישט געזוכט אפילו זיך אויסצובאַהאַלטן. זיי האָבן קיין שום חשבונות מיט דער וועלט מער נישט געהאַט. זיי זענען דאָך מיט דער וועלט געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע דינע פעדעם, וואָס האָבן יעדע רגע געקענט צעריסן ווערן.

— מיט צוויי טעג פריער האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשע אָפענסיווע. אויף אַ שטח פון כמעט הונדערט קילאָמעטער האָט געבושעוועט דער שטורם. פּאַריז האָט געפּיבערט פון אומאויפהערלעכער אויפרעגונג. דער אויפרייס פון דער אַמוניציע-פאַבריק אין קורנעוו האָט אויפגעטרייסלט פּאַריז, ווי אַן ערדציטערניש; די כסדר'דיקע אַלאַרמען האָבן געבראָכן דעם שלאָף און געפּליקט די נערוון. אין יענעם שבתדיקן פרימאָרגן האָבן אַלע די, וואָס האָבן קוים שפּעט געקענט צומאַכן אַ אויג, זיך אויפגעכאַפּט פון אַ געהיימניסדיקן קראַכן פון האַרמאַטן, וואָס האָט פון ערגעץ ווייט, פון יענער זייט סאָמע, ווי פון אַ אַנדער פּלאַנעט, אַריבערגעשיקט אַהער דעם טויט. בעת די ערשטע אָנפאַלן פון די צעפּעלינען פלעגט מען הכנעה'דיק זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס; אָבער אַ סכנה, וואָס דויערט, ווערט אַ געוויינונג און דאָס לעבן פּאַסט זיך צו; די סכנה קריגט אפילו אַ געוויסן רייץ, ווען זי איז נאָר נישט צו גרויס און זי איז אַן אַלגעמיינע. אַ שיין וועטער איז אויך געווען, און ס'האָט זיך אַזוי נישט געוואָלט קריכן לעבעדיקערהייט אין די קעלערס! פּאַרמיטאָג זענען אַלע געווען אויפן גאַס; און די

גאסן, גערטנער, קאפע־טעראסעס האָבן געהאט א יום־טובדיקן אויסזען אין דעם שיינענדיקן זוניקן טאָג.

נאָכמיטאָג האָבן פיער און לוציע זיך אויסגעקליבן אוועק־צוגיין ווייט פון המון אין וואלד שאוויל. שוין צען טעג ווי זיי האָבן געלעבט אין א עקזאלטירטער רואיקייט. טיפע רו אין הארצן און אויפגעצאפלטע נערוון. ווי אויף א קליינעם אינזל, ארום וועלכן ס'קרייזלט א שטורמישער שטראָם: דאָס אויג און דאָס אויער זענען פארכאפט פונם ווירבל. אָבער טיף אינעווייניק, מיט אראָפּגעלאָזטע ברעמען, די הענט אויף די אויערן, ווען דער ריגל אויף דער טיר איז פארלייגט, טיף אין זיך ווערט פלוצלינג שטיל, א פארכאפנדיקע שטילקייט — א אומבאוועגלעכער זומערטאָג, ווען אומגעזעענע פרייד, ווי א פארבאָרגענער פויגל, זינגט איר געזאנג, פליסיק און פריש ווי א שטראָם. אָ, פרייד! פארכשופטער זינגער, צוויטשערער פון גליק! כ'ווייס וויל, אז ס'איז גענוג א שפּעלטעלע צווישן מיינע ברעמען, אז מיין פינגער זאָל אויף א רגע אויפהערן פארשטאָפּן דאָס אויער און דער שוים און געראויש פון שטראָם וועלן אריין. א שוואכע דאמבע! און וויסנדיק, אז זי איז אזוי שוואך, וואקסט די פרייד נאָך מער, ווייל איך זע זי באדראָט. די רו און די שטילקייט אפילו באקומען א ליידנשאפטלעכן אויסזען!...

האלטנדיק זיך ביי די הענט, זענען זיי אָנגעקומען אין וואלד. די ערשטע פרילינג־טעג זענען ווי יונגער וויין, וואָס שטייגט אין קאָפּ. די יונגע זון פארשכורט מיט די זאפטן פון אירע ריינסטע טרויבן. איבער די נאָך נאקעטע ביימער האָט זיך געגליטשט זון־שיין; און דורך די נאקעטע צווייגן אדורך האָט געכשופט דער הימל און איינגעשלעפערט דעם שכל... זיי האָבן זיך קוים געפּרוווט צו רעדן עטלעכע ווערטער. זייער צונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פארענ־דיקן דעם אָנגעהויבענעם זאץ. זייערע פיס זענען שוואך און קוים זיך געשלעפּט. אונטער דער ווירקונג פון דער זון און דער שטילקייט פון וואלד האָבן זיי זיך געוואקלט. די ערד האָט זיי געצויגן לייגן אינמיטן וועג, לאָזן זיך קייקלען פון דער גרויסער ראָד פון וועלטן...

זיי זענען געקראָכן איבער בערגלעך, זענען אַריין אין אַן אויסגעהאקט וועלדל און אויף פארדארטע בלעטער, צווישן וועלכע

ס'זענען געוואקסן פיאָלקעס, האָבן זיי איינס נעבן אנדערן זיך אויסגעצויגן. די פרילינג-לידער פון די פייגל און דער ווייטלעכער דונערן פון די הארמאטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גלאָקן־געקלאנגען פון די נאָנטע דערפער, וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם מאָרגנדיקן יום-טוב. די צעשטראלטע לופט האָט געצאפלט מיט האָפענונג, גלויבן, ליבע און טויט. הגם זיי זענען געווען אליין, האבן זיי שטיל גערעדט. זייערע הערצער זענען געווען באשווערט: פון גליק? פון צער? זיי וואָלטן עס נישט געקענט זאגן. זיי זענען געווען פארפלייצט פון טרוימען. לוציע, אן אויסגעצויגענע אין דער גאנצער לענג די ארעמס לענגאויס דעם קערפער, מיט אפענע אויגן פארקוקטע אין הימל, האט געפילט אין זיך אויפשטייגן א באהאלטענעם צער, וואָס זי האָט, כדי נישט צעשטערן די פרייד פון טאָג, פון אינדערפרי אָן באמיט זיך צו פארטרייבן. פיער האָט אוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף לוציעס קני, אין דער טיפקייט פון איר קלייד, ווי א שלאָפנדיק קינד, ס'פנים געווענדט צום ווארעמען ווינט. און לוציע האָט, אָן ווערטער געגלעט די אויערן, אויגן, נאָז און ליפן פון געליבטן. ליבע רוחניותדיקע הענט, וואָס האָבן, ווי אין כשוף-מעשהלע, קליינע ברענענדיקע ליכטלעך אויף די שפיצן פינגער! און פיער האָט ווי א פילבארער אינסטרומענט פארנומען די קליינע פאליעס, וואָס זענען געלאָפן דורך די שפיצן פינגער, די געפילן, וואָס האָבן באוועגט די נשמה פון זיין געליבטער. ער האָט געהערט זי זיפצן נאָך איידער זי האָט א זיפץ געטון. לוציע האָט זיך אונטערגעהויבן דעם קערפער פאָראויס געשטרעקט און מיט א איינגעהאלטענעם אָטעם האָט זי שטיל ארויסגעשעפטשעט:

— אָ, פיער!

פיער האָט זי מיט שטוינען אָנגעקוקט.

— אָ, פיער! וואָס זענען מיר אזוינס?... וואָס וויל מען פון אונז?... און וואָס ווילן מיר?... וואָס געשעט מיט אונז?... די הארמאטן, די פייגל, די מלחמה, די ליבע... די הענט, דער גוף, די אויגן... וואו בין איך?... און וואָס איז מיט מיר?...

פיער, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ביי איר נישט געזען

אזא אויסדרוק פון פארלוירנקייט, האָט זי געוואָלט אריינגעמען אין זיינע אָרעמס. אָבער זי האָט אים אָפּגעשטויסן:

— ניין, ניין!

און באַהאלטנדיק איר פּנים צווישן די הענט, האָט זי עס איינגעגראָבן צוזאמען מיט די הענט אין גראָז. פּיער האָט אויפגערעגט געבעטן:

— לוציע!...

ער האָט צוגעבויגן זיין קאָפּ גאָר נאָענט צו לוציעס קאָפּ.

— לוציע! האָט ער איבערגעחזרט. וואָס איז דיר?... דאס איז קעגן מיר?...

זי האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:—ניין!

און ער האט געזען טרערן אין אירע אויגן.

— דו האסט עגמת נפש?

— יא.

— פארוואס?

— כ'ווייס נישט.

— זאג מיר...

אך! האט זי געזאגט, איך שעם זיך...

— שעמסט זיך? פאר וואס?

— פאר אלץ.

זי איז אנטשוויגן געווארן.

זי איז פון אינדערפרי אן געווען אויפגערעגט פון א פיינט־לעכער, באליידיקנדיקער סצענע: איר מאמע איז גאר פאר־כאפּט געווארן פון דעם גיפט, וואס די אויסגעלאסנקייט און מענשן־מערדעריי האבן געשפּרייט אומעטום און זי האט שוין מער נישט געוואוסט פון קיין צוריקהאלט. זי האט ביי זיך אין שטוב געמאכט א סצענע פון ווילדער אייפערזוכט איר געליבטן, נישט זארגנדיק, וואס די טאכטער איז דאָ דערביי. און לוציע איז געוואר געווארן, אז איר מאמע טראגט. דאס איז געווען פאר איר ווי א פּאטש, וואס האט זי טיף געטראפן, וואס האט איר גאנצע ליבע, איר ליבע צו פּיערן באשמוצט. און דער

פאר טאקע האט זי, ווען פיער האט זיך געוואלט צו איר דערנענטערן, אים אפגעשטויסן: זי האט זיך געשעמט פאר זיך און פאר אים... שעמען זיך פאר אים? ארעמער פיער!...

ער האט הכנעהדיק געשוויגן; זי האט מיט הרטה אינמיטן וויינען א שמייכל געטון און אנלענענדיק איר קאפ אויף זיינע קני, האט זי געזאגט:

— איצט איז מיין ריי!

פיער, נאך אומרואיק אביסל, האט איר געגלעט די האר ווי מ׳גלעט א קאץ. ער האט געשעפטשעט:

— לוציע, וואס איז דאס געווען? זאג מיר!...

— גארנישט, האט זי געזאגט, כ׳האב טרויריקע זאכן געזען.

ער האט געהאט צופיל רעספעקט פאר אירע סודות צוצושטיין צו איר, אבער לוציע האט נאך א ווײַלע ווייטער גערעדט:

— אך, פאראן פאלן... מ׳שעמט זיך צו זיין א מענטש...

פיער האט זיך געטרייסלט.

— יא, האט ער געזאגט.

און נאך א שטילשווייגן, זיך אונטערהייבנדיק, האט ער זייער שטיל געזאגט.

— אנטשולדיק!

לוציע איז שנעל אויפגעשפרונגען, זיך געווארפן אויף פיערס האלז, נאכזאגנדיק.

— אנטשולדיק!

און זייערע ליפן האבן זיך צונויפגעגאסן.

ביידע האָבן געהאט די באדערפעניש זיך קייגנזייטיק צו טרייסטן. נישט זאָגנדיק גאָרנישט, האָבן זיי געטראכט.

— א גליק איז, וואָס מ׳וועט שטארבן אינגיכן!... ס׳שרעקלעכסטע וואָלט געווען צו ווערן איינער פון אָט די אלע, וואָס זענען אזוי שטאָלץ אויף זייער מענטש זיין, אויף דעם, וואָס זיי פאניכטן, דערנידעריקן...

ליפ ביי ליפ, ברעם ביי ברעם, האָבן זייערע בליקן זיך

געטובלט איינער אין צווייטן, לאכנדיקע, מיט א מילדן רחמנות זיי זענען גאָרנישט מיד געוואָרן פון דעם געטלעכן געפיל, וואָס איז די ריינסטע פאָרם פון ליבע. לסוף האָבן זיי זיך אָפּגעריסן, און לוציע האָט מיט אויסגעלייטערטע אויגן דער-זען דעם ווייכן הימל, די אויפבליענדיקע ביימער און דאָס אָטעמען פון די בלומען.

— ווי שיין עס איז! האָט זי געזאָגט.

זי האָט געטראַכט:

— פאַרוואָס איז די נאַטור אַזוי שיין? און מיר, די פּלנטע, אַזעלכע דורכשניטלעכע מיאוסע... (דאָס מיינט נישט דיך, מיין ליבע, נישט דיך!..)

זי האָט ווידער אָנגעקוקט פּיערן:

— ע, וואָס גייען מיך אַלע אנדערע אָן?

און מיט דער פּרעכטיקער אומלאָגישקייט פון ליבע האָט זי זיך צעלאַכט, אויפגעשפּרונגען פון אָרט, זיך געלאָזט לויפן איבערן וואַלד און געשריען:

— כאַפּ מיך!

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָבן זיי זיך געשפּילט ווי קינדער. און אַז זיי זענען געוואָרן גענוג מיד, זענען זיי פּאַ-מעלעך צוריקגעגאַנגען צום קליינעם היגל, וואָס איז פול גע-ווען מיט שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון, ווי אַ קאָרב ביט זאַנגען, אַלץ האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי באַנייט; און זיי האָבן אַלץ באַנומען מיט איין האַרץ פאַר צווייען, מיט צוויי קערפּער פאַר איינעם.

זיי זענען געווען פינף חברים פון איין עלטער, פינף יונגע שול-חברים, וואָס א געוויסע ענלעכקייט פון שטימונג און געדאנק האָט צוזאמענגעפירט און געהאלטן אָפגעזונדערט פון די איבעריקע. און גלייכצייטיק איז נישט געווען קיין צווייי, וואָס זאָלן טראכטן דאָסזעלבע. אונטער דער מכלומרש-טער איינשטימיקייט פון פערציק מיליאָן פראנצויזן פארבאָרגן זיך פערציק מיליאָן מוחות, וואָס יעדער איינער טראכט פאר זיך. פראנקרייכס געדאנק איז ווי איר לאנד, א לאנד פון קליי-נע אייגנטימער. פון צייט צו צייט האָבן די פינף חברים, איבערן פלויט אריבער, געמאכט א פרווו פון א געדאנקען-אויסטויש, אָבער נאָר כדי נאָך מער פארפעסטיקן, יעדער פאר זיך, זיינע אייגענע געדאנקען. אלע זענען, נאטירלעך, געווען פרייזיניקע, און אויב נישט אלע רעפובליקאנער, איז לפחות שונאים פון גייסטיקער און געזעלשאפטלעכער רעאקציע, פון רעגרעס.

זשאַק סיי איז געווען דער היציקסטער מלחמה-פאטריאָט. אָט דער יונגער איידעלער ייד האָט איבערגענומען אלע ליידנ-שאפטן פון פראנצויזישן גייסט. אין גאנצן איראָפע האָבן זיי-נע פאָלקס-ברידער זיך פאר אייגן געמאכט, פונקט ווי ער, די אידעען און די אינטערעסן פון זייער אדאָפטירטן פאטערלאנד. און זיי האָבן אפילו ארויסגעוויזן א טענדענץ, ווי אין אלץ, וואָס זיי אדאָפטירן, א ביסל איבערצוטרייבן. דער שיינער יונג מיט זיין היציקן און א ביסל שווערן בליק און שטים, מיט די רעגולערע ווי אין א רעמעל געפאסטע שטריכן, איז אין זיינע

איבערצייגונגען געווען קאטעגאָריש גאָר אָן א מאָס און ברוי־
טאַל ביים באקעמפן אנדערע. לויט אים האָט זיך עס געהאנדלט
אין א קרייץ־צוג פון די דעמאָקראטיעס, כּדי צו באפרייען די
פעלקער און דערהרגענען די מלחמה. פיר יאָר פון פילאנ־
טראָפּישער שחיטה האָבן אים לחלוטין נישט איבערצייגט. ער
האָט געהערט צו די, וואָס נעמען קיינמאָל נישט צו קענט־
ניש הכחשות פון פאקטן. ער האָט געהאט א טאָפּלטע אמבי־
ציע, די באהאלטענע אמביציע פון זיין ראסע, וועלכע ער
האָט געוואָלט רעאביליטירן, און זיינע, א פּערזענלעכע, — צו זיין
גערעכט. און וואָס ווייניקער זיכער ער איז געווען אין
דעם, אלץ שטארקער האָט ער עס געוואָלט. זיין אויפריכטי־
קער אידעאליזם האָט פאר אים פארשטעלט די אינסטינקטן,
וועלכע האָבן געמאָנט טאָט און איבערלעבענישן.

אנטואן נאָדע איז אויך געווען פאר דער מלחמה. אָבער
נאָר מחמת אנדערש מאכן האָט ער נישט געקאָנט. דער גרוי־
סער יונגער בורזשוי, מיט די ראָזע בעקלעך, וואָס האָט גע־
האט א קורצן אָטעם און האָט ארויסגעקוילעט זיין „ר״ מיט
דעם חנעוודיקן אקצענט פון די צענטראלע פראווינצן, האָט
מיט א שטילן שמייכל צוגעזען דעם ענטוזיאזם פון זיין חבר
סיי; אָדער ער האָט אמאָל אים צוגעוואָרפן א ביטול־וואָרט און
געלאָזן וויטער קלעטערן אויפן בוים; — אָבער ער, דער גרוי־
סער פוילער, האָט אים נישט נאָכגעפאָלגט! צו וואָס זיך אמ־
פּערן, זיין פאר אָדער קעגן א זאך, וואָס העגנגט סיי ווי נישט
אָפּ פון אונז! נאָר אין טראגעדיעס פאסט זיך אָט דער פרא־
לערישער העראָאישער סכסוך צווישן פליכט און הנאה. אז מ׳האָט
נישט קיין ברירה, טוט מען די פליכט אָן פראזן. נישטאָ קיין
מער לעכערלעכע זאך! נאָדע האָט נישט פארהערלעכט און
נישט באשולדיקט. דער שכל־הישר האָט אים אונטערגעזאָגט,
אז איינמאָל פאר אלעמאָל, האָט מען דעם צוג געלאָזט אין
באוועגונג און די מלחמה איז אין גאנג, מוז מען מיטפארן:
קיין אנדער אויסגאנג איז נישטאָ. זוכן די שולדיקע, — איז
ארויסגעוואָרפענע טרחה. — ווען איך מוז זיך שלאָגן, איז מיר

גאנץ גלייכגילטיק צו וויסן, אַז כ׳וואָלט געקאָנט זיך נישט שלאָגן, ווען אַלץ וואָלט געווען... אנדערש ווי ס׳איז!

די אחריות! פאר בערנאר סעסע איז דאָס געווען די ערשטראנגיקע פראגע. ער האָט זיך געריסן פונאנדערצופלאָנטערן דעם פארשאָלטענעם קנויל. א פיזיש שוואכער, אינטעליגענטער, ליידנשאפטלעכער און זייער נערוועזער, פון רייכער בורזשואזיע, פון אן אלטער רעפובליקאנישער פאמיליע, וואָס האָט פארנומען א סך הויכע פאָסטנס אין דער מלוכה, — האָט ער ווי להכעיס געהאט אולטרא-רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונגען. ער האָט פון דער נאָענט געזען די איצטיקע הערשער און זייער כּנופיא. ער האָט באשולדיקט אלע רעגירונגען—די אייגענע מער פאר אלע. ער האָט נאָר גערעדט וועגן באָלשעוויקעס און סינדיקאליסטן; ער האָט זיך נישט לאנג באקענט מיט זיי און זיך געחברט מיט זיי, ווי ער וואָלט זיי פון קינדהייט אָן געקענט. ער האָט געזען די איינציקע רפואה אין א רעוואָלוציע, נישט וויסנדיק גענוי, ווי דאָס וועט אויסזען. ער האָט געהאסט די מלחמה; אָבער מיט פרייד וואָלט ער זיך אריינגעוואָרפן אין א קלאסן-מלחמה — אין מלחמה קעגן זיין אייגענעם קלאס, קעגן זיך אליין.

דער פערטער פון דעם קרייז, קלאָד פיזשע, האָט קאלטבלוטיק און ווי מיט גרינגשעצונג זיך צוגעהערט צו די פלוידערייען. שטאמענדיק פון קליינבירגערטום, אן אָרעמער, ארויסגעריסן פון זיין געגנט דורך א פארבייפאָרנדיקן אינספעקטאָר, וואָס האָט באמערקט זיינע גרויסע פעאיקייטן, און אויסגעוואקסן אין דער פרעמד, אָן א היים, — איז אָט דער ליצייסטיפענדיאט געוואוינט געווען צו שטעלן נאָר אויף זיך און לעבן נאָר פאר זיך און מיט זיך. א פילאָזאָף-עגאָאיסט, פארנומען מיט נשמה-גריבלערייען, ליידנשאפטלעך אריינגעטון אין זיך, האָט אים די אויפגערודערטקייט פון די איבעריקע נישט גערירט. די דריי חברים, וואָס האָבן, דאכט זיך, אזוי פארשידנארטיק געדענקט, האָט ער אלע צונויפגעמישט אין איין זאק — „המון”. צי וואָלטן די דריי זיך נישט פונאנדערגעגאנגען

בנוגע די שטרעבונגען פון דער מאסע? דעם אמת זאָגנדיק, האָט יעדער פון זיי אנדערש געקוקט אויף דעם המון. אָבער פאר פיזשען איז המון, ווי ער זאָל נישט זיין, געווען שטענדיק אומגערעכט. המון איז געווען זיין שונא. דער גייסט דארף שטענדיק בלייבן אליין, מיט זיינע אייגענע געזעצן, און היטן, להיפוך צום המון און צו דער מדינה, זיין קליינע אָפּגעשלאָסענע מלוכה פון געדאנק.

און פיער איז געזעסן ביים פענסטער, ארויסגעקוקט אין דרויסן און געטרוימט. געוויינטלעך פלעגט ער זיך ליידנשאפטלעך באטייליקן אין די יוגנטלעכע ויכוחים. אָבער היינט איז עס געווען פאר אים נאָר א געטומל פון פוסטע פראזן, וואָס זענען צו אים דערגאנגען פון ערגעץ ווייט, פון אזוי ווייט! ער איז געווען ווי האלב פארשטיינערט און דערביי א ביסל שפּאָטיש. די חברים האָבן שמועסנדיק לאנג נישט באמערקט זיין שווייגן. אָבער לסוף האָט סעסע, וואָס איז געווען געווען צו געפינען ביי פיערן אן אָפּקלאנג פון זיין וואָרט-באַלשעוויזם, זיך פארוואונדערט, וואָס יענער שווייגט, און אים געפרעגט וועגן דער סיבה.

פיער האָט זיך אויפגעכאפּט, רויט געוואָרן און שמייכלענדיק געפרעגט:

— וועגן וואָס רעדט איר?

זיי זענען געוואָרן אויפגעבראכט.

— ווי, דו האָסט גאָרנישט געהערט?

— וועגן וואָס האָסטו דען געטראכט? האָט אים נאָדע געפרעגט.

פיער האָט א ביסל פארשעמט און א ביסל חוצפּהדיק געענטפערט:

— וועגן פרילינג. ער איז, זעט איר, געקומען, אָן אייער דערלויבעניש. און ער וועט אוועק — אָן אונז.

אלע האָבן אים אָנגעגריפן מיט גרויס ביטול. נאָדע האָט אים מכבד געווען מיטן נאָמען: „פּאָעט״ און זשאק סיי האָט אים צוגעוואָרפן: „אָנשטעלמאכער״.

בלויז פּיזשע האָט נייגיריק און איראָניש אים באַטראַכט מיט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן און האָט געזאָגט:

— פלייענדיקע מוראַשקע!

— וואָס? האָט פּיער איבערגעפרעגט לאַכנדיק.

— היט דיינע פליגל! האָט פּיזשע געזאָגט. דאָס איז דער חתונה-פלי. ער דויערט נאָר א ווײַלע.

— ס'לעבן געדויערט נישט לענגער, האָט פּיער גע-ענטפערט.

אין דער פסח-וואָך האָבן זיי זיך געזען יעדן טאָג. פיער פלעגט קומען צו לוציען אין איר איינזאמען שטיבל. דער קליינער גאָרטן האָט אויפגעלעבט. דאָרט פלעגן זיי פארברענגען די נאָכמיטאָגס. זיי האָבן איצט געהאט א אנטיפאטיע צו פאריז, צום המון, צום לעבן. פון צייט צו צייט פלעגט זיי באפאלן א מין מאָראלישער פאראליזש; שטיל, אומבאוועגלעך זענען זיי געזעסן איינער נעבן צווייטן, אָן א פארלאנג זיך צו רירן. א משונהדיקער געפיל האָט זיי באהערשט. זיי האָבן געהאט מורא, מורא, וואָס מער דער טאָג האָט גענענט, ווען זיי האָבן זיך געזאָלט אָפגעבן איינס דעם צווייטן, — מורא מחמת שפע פון ליבע און נשמה-ריינקייט; די מיאוסקייטן, אכזריותן און הרפות פון לעבן האָבן געשראקן זייער נשמה, און זי האָט אין שכרות פון ליידנשאפט און מעלאנכאָליע געטרוימט צו באפרייען זיך פון זיי. אָבער זיי האָבן וועגן דעם נישט גערעדט.

דער רוב צייט איז זיי אוועק אויף ליבער פלוידערייי וועגן זייער צוקונפטיקער וואוינונג, צוזאמענדיקער ארבעט, וועגן זייער קליינער באלעבאטישקייט. זיי האָבן פאָרויס איינגעשטעלט ביזן קלענסטן פרט די מעבל, פאפירן, יעדעס אָרט פאר יעדן קעגנשטאנד. ווי אָן אמתע פרוי, האָבן די ליבע קלייניקייטן, די אינטימע משפחהדיקע בילדער פון טעגלעכן לעבן לוציען אָפט גערירט ביז טרערן. זיי האָבן זיך געזעטיקט מיט די קליינע פריידן פון זייער צוקונפטיקן פאמיליע-לעבן... זיי האָבן געוואוסט, אז קיין זאך דערפון וועט נישט

מקוים ווערן, — פיער, מחמת א פּאַראַגראַפֿיל פון איינגעבוירענעם פּעסימיזם, און לוציע האָט פון גרויס ליבע פאַרשטאַנען די פּראַקטישע אוממעגלעכקייט פון זייער חתונה האָבן... און דע־ריבער טאַקע האָבן זיי זיך געאײַלט צו געניסן פון טרוים. און יעדער האָט אויסבאַהאַלטן פאַרן צווייטן זיין אייגענע זי־כערקייט, אז ס'איז נישט מער ווי א טרוים. יעדער האָט גע־מיינט, אז ס'איז זיין סוד, און האָט צאַרט געשוינט דעם צווייטנס אילוזיע.

ווען זיי האָבן שוין אויסגעשעפּט די גאַנצע ווייטיקלעכע הנאה פון דער אוממעגלעכער צוקונפט, זענען זיי געווען אַזוי מיד, ווי זיי וואָלטן עס טאַקע אַדורכגעלעבט. דאַן פלעגן זיי אָפּרוען אין דער אַלטאַנע, דער באַדעקטער מיט פאַרטריקנטע ליאַנעס, אין וועלכע די זון האָט געוועקט זייערע פאַרפרוירע־נע זאַפטן; און פּיערס קאָפּ אויף לוציעס אַקסל, האָבן זיי טרוימענדיק זיך איינגעהערט אין דעם זשומען פון דער ערד. אונטער די ווייסע וואָלקנס, וואָס זענען געשוואומען איבערן הימל, האָט די מערץ־זון געשפּילט אין באַהעלטערלעך, גע־לאַכט און ווידער פאַרשוואונדן. איבערן פליין זענען געלאָפן קלאָרע שטראַלן און טונקעלע שאָטנס, ווי פרייד און פּיין אין דער נשמה.

— לוציע, האָט פּיער פלוצלינג געזאָגט, שוין־זשע דער־מאַנסטו זיך נישט?.. ס'איז שוין לאַנג, לאַנג... מיר זענען שוין אַמאָל דאָ געווען...

יאָ, האָט לוציע געזאָגט, אמת אַלץ, איך דערקען אַלץ... אָבער וואו זענען מיר דאָס געווען?

און זיי האָבן גענומען דערמאַנען זיך די געשטאַלטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך שוין געקענט אַמאָל. שוין ווי מענטשן? אפשר. אָבער זיכער איז דאָס מיידל דאַן געווען פּיער, און לוציע איז געווען דער פאַרליבטער... ווי פייגל אין דער לופט? ווען לוציע איז נאָך געווען א קליינע, האָט איר די מאַמע געזאָגט, אז זי איז א ווילדע גאַנז, וואָס איז אַריינגעפאַלן דורכן קוימען: אָך, זי האָט זיך, נעבעך, צעבראָכן די פליגלען..

אָבער צום ליבסטן האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט אין פּליסיקע פאָרמען פון עלעמענטן, וואָס דרינגען זיך דורך, פּלאָנטערן זיך איין און אויף, ווי די קנוילן פון א חלום, אָדער פון א רויך: ווייסע וואָלקנס, וואָס ווערן אויפגעלייזט אין אָפּגרונט פון הימל, קליינע שפּילנדיקע פאַליעס, א רעגן אויף דער ערד, טוי אויפן גראָז, זומען פון א בלעזל, וואָס צעפליען אין דער לופט... נאָר דער ווינט פאַרטראָגט זיי. לאָמיר זיך היטן, ער זאָל אונז פונסניי נישט אוועקבלאָזן און מיר זאָלן זיך ווידער נישט פאַרלירן אויף א גאַנצע אייביקייט.

אָבער ער האָט געזאָגט:

— איך גלויב, אז מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט צעשיידט; מיר זענען געווען צוזאַמען, אָט ווי מיר ליגן איצט צוזאַמען, איינס נעבן אנדערן: נישט מער, מיר זענען געשלאָפן און געטרוימט. אויף א רגע כאַפּט מען זיך אויף... קוים-קוים... כ'פיל דיין אָטעם, דיין באַק נעבן מיינער... מען שטרענגט זיך זייער אָן און מען באַגעגנט זיך מיט די ליפּן... און ווידער שלאָפט מען איין... ליבע, טייערע, איך בין דאָס, איך האַלט דיין האַנט, לאָז מיך נישט אָפּ!... איצט איז נאָך נישט די צייט דערויף, דער פרילינג ווייזט דאָך קוים ערשט דעם שפּיץ פון זיין אָנגעפּרוירענער נאָז...

— ווי ביי דיר, האָט לוציע געזאָגט.

— אינגיכן וועט מען זיך אויפכאַפּן אין א שיינעם זומער-טאָג...

— מיר וועלן אליין זיין דער שיינער זומער-טאָג, האָט לוציע געזאָגט.

— ... דער וואַרעמער שאָטן פון די ליפּעס, זון צווישן די צווייגן, זשומענדיקע בינען...

— ... מאָרעלן אויפן בוים מיט זייער זאַפטיק פליישׁ...

— ... אָפּרו פון די שניטערס, גאָלדענע זאַנגען...

— ... פוילע סטאַדעס, וואָס מעלה-גרהן אויף דער לאָנקע...

— ... און פאַרנאַכט, בין השמשות, א גרין-פאַרצויגענע סאַזשעלקע, פּליסיקער זון-שיין, וואָס אַנטלויפט אויף די פעלדער...

— ... אלץ וואַלן מיר זיין, האָט לוציע געזאָגט, אלץ וואָס איז גוט צו האָבן און צו זען, צו קושן, עסן, אָנרירן, צו איינעטעמען... די רעשט קען מען זיי איבערלאָזן, האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט דער האנט אויף דער שטאָט מיט אירע רויכן.

זי האָט געלאכט און דערנאָך, ארומנעמענדיק איר פריינט, געזאָגט:

— מיר האָבן גאנץ גוט אויסגעפירט אונזער קליינעם דועט. אמת, מיין פריינט, פיעררא?

— אמת, דזשעססיקא, האָט ער געענטפערט.

— מיין אָרעמער פיעררא, האָט זי ווייטער געזאָגט, מיר זענען נישט באשאפן פאר דער וועלט, אין וועלכער מ׳זינגט נאָר די מארסעליעזע!...

— וואָלטן זיי כאָטש געקענט זי זינגען, האָט פיער געזאָגט.

— מיר האָבן א טעות געהאט אין דער סטאציע, מיר זענען צו פרי אראָפגעשטיגן.

— כ׳האָב מורא, אז די נאָענטסטע סטאציע זאָל נישט זיין נאָך אן ערגערע. שטעלסט זיך פאָר, מיין ליבע, אונזער לעבן אין דער צוקונפטיקער געזעלשאפט, אין דעם בינשטאָק, וואו יעדער איינער וועט מוזן לעבן נאָר פאר דער בינען־מלכה אָדער פאר דער רעפובליק?

— אייער לייגן פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט, ווי א מאשין, אָדער פון אינדערפרי ביזן אָוונט לעקן די אייער פון אנדערע... א דאנק פאר דער טובה! האָט לוציע געזאָגט.

— אָך, לוציע, קליינע שטיפערין, ווי מיאוס דו רעדסט! האָט פיער געלאכט.

— יאָ, ס׳איז זייער מיאוס, כ׳ווייס. כ׳טויג נישט צו גאָר־נישט. און דו אויך נישט, מיין פריינט. דו טויגסט נישט צו טויטן און קאליעטשן מענטשן אויף דער מלחמה, פונקט ווי איך טויג נישט צו צונויפנייען זיי, ווי די פערד מיט די אויפ־געשניטענע בייכער בעת די אָקסען־קאמפן, כדי זיי זאָלן קאָנען נאָכאמאָל ארויס אין קאמף. מיר זענען אומנוציקע באשעפע־

נישן, געפּערלעכע. מיר האָבן די פּארברעכערישע נטיה צו לעבן נאָר לשם ליבן אלע, וואָס ליבן אונז; איך וויל ליבן מיין קליינעם געליבטן, מיינע פריינט, גוטע מענטשן און קליינע קינדער, די גוטע טאָג-ליכט און דאָס גוטע ווייסע ברויט, און אלץ, וואָס איז שיין און גוט און געשמאק. א חרפּה, א חרפּה! שעם זיך פאר מיר, פּיער!... אָבער מיר וועלן ווערן באשטראָפט ווי געהעריק! ס'וועט פאר אונז נישט זיין קיין פּלאץ אין דער מלוכה-פאבריק אָן אָפּרו און איבעררייס, וואָס די וועלט וועט איינגיכן ווערן... צום גליק וועלן מיר שוין דעמאָלט נישט זיין!

– יאָ, א מין גליק! האָט פּיער געזאָגט...

„Si je trespasse entre tes bras, ma Dame,
Je suis content: aussi ne veux—je avoir
Plus grand bonheur au monde que me voir
En te baisant, dans ton sein rendre l'âme..." [1]

– אָט ווי אזוי גאָר, מיין ליבער פריינט!

– דאָס איז עכט פראנצויזיש. דאָס איז פון ראָנסארן, האָט פּיער געזאָגט:

„... Je ne requiers sinon
Aprés cent ans, sans gloire et sans renom
Monrir oisif, en ton giron, Cassandre..." [2]

– הונדערט יאָר! האָט לוציע אָפּגעזיפצט, נישט קיין סך!

„Car je me trompe, ou c'est plus de bonheur
D'ainsi mourir que d'avoir tout l'honneur
D'un grand Cesar, ou d'un foudre Alexandre" [3]

---

[1] כ'זאָל קענען שטארבן, מיין דאמע, אין דיינע אָרעמס
וואָלט איך געווען צופרידן: ווייל ס'וואָלט דאָס גרעסטע גליק
פאר מיר אויף גאָרער וועלט געווען צו קענען קושנדיק דיך,
אויסהויכן אויף דיין ברוסט מיין נשמה.

[2] . . . כ'פארלאנג נישט מער,
נאָך הונדערט יאָר אָן רום און אומבאקאנט
א אומעטיקער שטארבן אין דיין שויס, קאסאנדרע..."

[3] כ'האָב אפשר א טעות, נאָר כ'האלט פאר מערער גליק
אזא מין טויט, איידער צו האָבן דעם גאנצן רום און כבוד
פון א צעזאר אָדער פון א אלעקסאנדער".

— שלעכטער, ווייסערחברהניק דו! ווי שעמסטו זיך נישט! אין אונזער צייט פון העלדן!

— ס'איז דאָ געגוג אָן מיר! כ'וויל בעסער זיין א קליין פארליבט יינגל, א קליין יינגל!

— א קינד, א קינד, וואָס האָט נאָך אויף זיינע ליפּן די מילך פון מיין ברוסט, האָט לוציע געזאָגט, דריקנדיק אים צו זיך. מיין קינד, מיין!

זי, וואָס זענען לעבן געבליבן נאָך יענע טעג און זע־נען געווען עדות דערפון, ווי דאָס מזל האָט זיך וואונדער־באַר איבערגעדרייט, האָבן שוין זיכער פארגעסן דעם דראָגע־דיקן שווערן גערויש פון די שווארצע פליגל, וואָס האָבן אין יענער וואָך פארדעקט גאנץ איל-דע-פראנס און דערגרייכט מיט זייער שאָטן ביז פאריז. די פרייד האלט נישט קיין חשבון פון איבערגעלעבטע נסיונות. די דייטשן האָבן צווישן הייליקן מאָנטאָג און מיטוואָך געפירט זייער גרויסן אָנגריף. זיי זענען אריבער די סאָמע, פארנומען באפּאָם, נעסל, גיסקאר, רוא, נויאָן, אלבער; עלפהונדערט הארמאטן פארכאפּט; זעכציקטויזנט געפאנגענע... דעם הייליקן דינסטאָג איז געשטאָרבן דער האר־מאָניעפולער דעבוסי, ווי א סימבאָל פון דעם מיט פיס גע־טרעטענעם לאנד. ווי א צעבראָכענע לירע... „עלנט, קליין גוססדיק גריכנלאנד!...” וואָס וועט בלייבן פון אים? עטלעכע ציזעלירטע וואזעס, עטלעכע פרעכטיקע קאָלאָנעס, וואָס וועלן באדעקט ווערן מיט גראָז... אן אומשטערבלעכער זכר פון חרובדיקן אטען...

פּיער און לוציע האָבן ווי פון דער הויך פון א היגל געזען אראָפּנידערן דעם שאָטן אויף דער שטאָט. איינגעהילט אין די שטראלן פון זייער ליבע, האָבן זיי אין שרעק געווארט אויפן סוף פון קורצן טאָג. זיי וועלן זיין אין צווייען אין דער נאכט. ווי א פארנאכטיקע תפילה איז געוואקסן אין זיי די ליידנשאפטלעכע מעלאנכאָליע פון דעביוסיס שיינע אקאָרדן, וועלכן זיי האָבן אזוי ליב געהאט. ווי קיינמאָל נישט פריער,

האָטאיצטער די מוזיק אנטשפּראָכן דעם צושטאנד פון זייער נשמה. דאָס איז געווען דער איינציקער מין קונסט, וואָס איז געווען ווי די שטים פון דער באַפרייטער נשמה, פון היינטערז פאַרהאנג פון די אויסערלעכע פּאַרמען.

אין הייליקן דאָנערשטאָג זענען פּיער און לוציע געאַרעמט געגאנגען איבער די פון רעגן צעווייקטע הינטערשטאָטישע וועגן. דער ווינט האָט געשמיסן איבערן דורכגענעצטן פליין. זיי האָבן נישט געזען נישט דעם רעגן, נישט דעם ווינט, נישט די מיאוסע פעלדער, נישט די בלאָטיקע וועגן. אויף א נידריקן א ביסל אָפּגעזעצטן פלויט פון א פארק האָבן זיי זיך צוגעזעצט. פּיערס שירם האָט קוים פארשטעלט לוציעס קאָפּ און אקסלען. מיט אראָפּהענגנדיקע פּיס, פייכטע הענט און אדורכגעווייקטן רעגנמאנטל, האָט לוציע געקוקט אויפן טריפּנדיקן וואסער. אז דעם ווינט האָט א טרייסל געטון די צווייגן, האָבן א פלייץ געטון טראָפּנס: קלאָפּ, קלאָפּ! לוציע איז געווען שטיל, א שמייכלנדיקע, רואיק-שטראלנדיקע.ביידע האָבן זיך געבאָדן אין טיפער פרייד.

— פארוואָס האָבן מיר זיך אזוי ליב? האָט פּיער געזאָגט.

— אך, פּיער, דו האָסל גאָרנישט אזוי ליב, אויב דו פרעגסט, פארוואָס.

— איך פרעג דיך, כדי דו זאָלסט זאָגן דאָס, וואָס איך ווייס אזוי גוט ווי דו.

— ווילסט, כ׳זאָל דיר מאכן קאָמפּלימענטן, האָט לוציע געזאָגט. מעגסט ווארטן. אויב דו ווייסט, פארוואָס איך האָב דיך ליב, ווייס איך אָבער נישט.

— דו ווייסט נישט?

— ניין. (זי האָט שטילערהייט געלאכט). און כ׳דארף עס גאָרנישט וויסן. אויב מ׳פרעגט אויף עפּעס פארוואָס, איז ווייל מ׳איז נישט זיכער, צי איז דאָס טאקע גוט. אז איך האָב ליב, דארף איך נישט קיין פארוואָס, נישט קיין וואו, ווען, ווייל און נישט קיין ווי אזוי! ס׳איז מיין ליבע! מיין ליבע! דאָס איבריקע מעג זיך זיין ווי עס וויל.

זיי האָבן זיך געקושט. דער רעגן האָט באוויזן, גליטשנ־דיק זיך איבערן אומגעלומפערטן שירם, צו באנעצן זייערע פינגער, האָר און פנימער; זיי האָבן פון צווישן די ליפּן אראָפּ־געשלונגען א קאלטן טראָפּן. פּיער האָט געזאָגט:

— אָבער אנדערע?

— וועלכע אנדערע?

— די עלנטע, האָט פּיער געענטפערט. די אלע, וואָס ווענען נישט מיר?

— זאָלן זיי טון ווי מיר! זאָלן זיי ליבן!

— און זיין געליבט! לוציע, נישט אלע קענען דאָס.

— זיי קענען יאָ!

— זיי קענען נישט. דו ווייסט נישט דעם ווערט פון קרבן, וואָס דו האָסט מיר געבראכט.

— אָפּגעבן דאָס הארץ דער ליבע, איז ווי געבן די אויגן דעם טאָג־ליכט; דאָס איז נישט געבן, נאָר נעמען.

— ס׳איז אָבער פאראן בלינדע.

— מיר וועלן זיי, פּיעראָ, נישט אויסהיילן! לאָמיר זען פאר זיי.

פּיער האָט געשוויגן.

— וועגן וואָס טראכסטו? האָט לוציע געפרעגט.

— כ׳טראכט, אז היינטיקן טאָג האָט ווייט און נאָנט פון אונז פארנומען די פּיין יענער, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט צו היילן די בלינדע.

לוציע האָט אים אָנגענומען ביים האנט:

— דו גלויבסט אין אים?

— ניין, לוציע, איך גלויב נישט מער. אָבער ער בלייבט שטענדיק א פריינט פון יענע, וואָס ער האָט איינמאָל צו זיין טיש דערנענטערט. און דו, קענסטו אים?

— קנאפּ, האָט לוציע געענטפערט. מ׳האָט מיר קיינמאָל וועגן אים נישט דערציילט. אָבער, נישט קענענדיק אים, ליב איך אים... ווייל כ׳ווייס, אז ער האָט געליבט...

— נישט ווי מיר.

— פארוואָס נישט? מיר, מיר האָבן א קליין אָרעם הארץ, וואָס קאָן נאָר דיך ליבן, מיין ליבער. ער, ער האָט אונז אלע געליבט. אָבער די ליבע איז תמיד דיזעלבע.

— ווילסטו, האָט פּיער געפרעגט, מיר זאָלן מאָרגן גיין לכבוד זיין טויט?... מ׳האָט מיר געזאָגט, אז אין סען-זשערווע וועט זיין שיינע מוזיק!..

— יאָ, כ׳וואָלט גערן מיט דיר אין דעם טאָג געגאנגען אין קירך. ער וועט אונז גוט אויפנעמען. איך בין זיכער. אז מ׳איז נענטער צו אים, איז מען צווישן זיך אויך נענטער.

זיי האָבן געשוויגן... רעגן. רעגן. רעגן. ס׳רעגנט. דער אָוונט פאלט צו.

— מאָרגן, אין דער צייט, האָט לוציע געזאָגט, וועלן מיר דאָרט זיין.

א נעפּל האָט זיך אָנגערוקט. זי האָט א ביסל געציטערט.

— ליבע, איז דיר נישט קאלט? האָט ער געפרעגט.

זי איז אויפגעשטאנען:

— ניין, ניין. מיר איז אלץ ליב. איך ליב אלצדינג און אלץ האָט מיך ליב. דער רעגן האָט מיך ליב, דער ווינט, דער גרויער און קאלטער הימל האָט מיך ליב — און מיין קליינער, געטרייער געליבטער.

דעם הייליקן פרייטאָג איז דער הימל ווידער געווען פארכמארעט. אָבער דער וועטער איז געווען שטיל און רואיק. אויף די גאַסן האָט מען געזען בלומען, נארציזן, לעווקאָיען. פיער האָט עטלעכע געקויפט און געגעבן לוציען. זיי זענען אדורך די רואיקע אָרפעוור-ברעג-גאס, פארביי דער קירך נאָטר-דאם. די שטאָט, איינגעהילט אין א דיסקרעטער שיין, האָט געכישופט און אָנגעפילט זיי מיט צארטער מילדקייט. אויפן פלאץ סען-זשערווע זענען טויבן געפלויגן פאר זייערע פיס; זיי האָבן אָנגעשטעלט די אויגן אויף זיי; איין פויגל האָט זיך אוועקגעשטעלט אויפן קאָפּ פון א סטאטוע. אויפן העכסטן טרעפּל, ווען זיי האָבן שוין געוואָלט ארייננגיין, האָט לוציע אויסדרייענדיק דעם קאָפּ דערזען צווישן המון, עטלעכע טריט פון זיך, א געל-האָריק מיידעלע פון א יאָר צוועלף, וואָס האָט זיך אָנגעלענט אָן הויפט-טויער,ביידע הענט פארוואָרפן אַהינטערן קאָפּ, און האָט געקוקט אויף איר. דאָס מיידעלע האָט געהאט אן איידל, א ביסל אלט-קלאסיש פנים, ווי פון א קליינער סטאטוע פון דער קאטעדרע, מיט אזא קליין, ליב און קלוג-געהיימניסדיק שמייכעלע. לוציע האָט צו איר אויך געשמייכלט און געוויזן פיערן אויף איר. אָבער דעם מיידעלעס בליק איז אריבער איבער איר און זיך פלוצלינג ווי איבערגעשראָקן. דאָס קינד האָט פארשטעלט דאָס פנים מיט די הענט און איז פארשוואונדן.

— וואָס איז איר? האָט לוציע געפרעגט.

אָבער פיער האָט שוין נישט געקוקט.

זיי זענען אריין. איבער זייערע קעפּ האָט א טויב גע־וואָרקעט. דער לעצטער געוויש פון דרויסן. די קולות פון פּא־ריז זענען פארשטומט געוואָרן. די פרייע לופט איז נישט גע־וואָרן. די אָרגל־וואנט, די גרויסע געוועלבן, א מחיצה פון שטיין און קלאנג האָט זיי אָפּגעטיילט פון דער וועלט.

זיי האָבן זיך אויסגעזוכט א ווינקל צווישן דער צווייטער און דריטער קאפּעליע, לינקס פון אריינגאנג, און זיך צוגע־זעצט אויף א טרעפּל, באהאלטן פון המון. זיי זענען געזעסן מיטן רוקן צום כאָר. פאר זיך האָבן זיי געזען דעם מזבח, קרייץ און פענסטער פון א זייטן־ווינקל. די שיינע אלטערטימ־לעכע געזאנגען האָבן אויסגעוויינט זייער רחמימדיקן טרויער. זיי האָבן זיך געהאלטן פאר די הענט, די צוויי קליינע אומ־גלויבער, פארן גרויסן פריינט אין דער אומעטפולער קירך. אוןביידע האָבן גלייכצייטיק געמורמלט:

— גרויסער פריינט, זיי אן עדות: איך נעם זי, איך נעם אים. פאריייניק אונז! דו זעסט אונזערע הערצער.

און זייערע פינגער זענען געבליבן פאריייניקט, איבער־געפלאָכטן ווי די שטרויז פון א קאָרב. זיי זענען געווען איין גוף, איבער וועלכן די קלאנגען פון דער מוזיק זענען געלאָפן מיט א ציטער. זיי האָבן געגומען טרוימען, ווי זיי וואָלטן גע־לעגן אין איין בעט.

לוציע האָט אין דער מחשבה ווידער געזען דאָס געל־האָריקע מיידעלע, און זי האָט זיך דערמאנט, אז זי האָט זי שוין א נאכט פריער געזען אין חלום. זי האָט אליין נישט געוואוסט, צי ס'איז טאקע אזוי, אָדער זי טראָגט איבער דאָס איצטערגעזעענע אין א פארגאנגענעם חלום. מיד פון אָנשטרענ־גונג, האָט זי געלאָזן פריי דעם געדאנק אירן שווימען.

פּיער האָט געטראכט וועגן די טעג פון זיין קורצן פאר־גאנגענעם לעבן. ער איז זיך אויסגעקומען, ווי א לערך, וואָס שוועבט ארויס פון א פארנעפּלטן פליין צו זוכן זון... ווי ווייט זי איז! ווי הויך זי איז! וועט ער זי אמאָל דערגרייכן?..־דער נעפּל ווערט געדיכטער. מ'זעט נישט מער קיין ערד, קיין

הימל. און די כּוחות גייען אויס... פּלוצלינג, אין מיטן קייקלען זיך פון א גרעגאָריאַנישער נאָטע, האָט א הילך געטון א יובלנדיקער געזאנג, און פון שאָטן ארויס האָט זיך באוויזן דער קליינער פארגליווערטער גוף פונם לערך, אין א ים פון זון, א ים אָן א ברעג...

א דרוק פון זייערע פינגער האָט זיי דערמאנט, אז זיי שווימען ביינאנד. און ווידער זענען זיי געוועזן אין שאָטן פון דער קירך, נאָנט צוגעדריקט איינער צום צווייטן, און געהערט די שיינע געזאנגען; זייערע פארפלייצטע פון ליבע הערצער האָבן דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון ריינסטער פרייד, און ביידע האָבן אזוי געוואָלט — געבעטן וועגן דעם — שוין מער קיינמאָל נישט אראָפּצונידערן פון אָט די הויכן.

אין דער רגע האָט לוציע, וואָס האָט מיט איר ליידנשאפטלעכן בליק געקושט איר טייערן חבר — (מיט צוגעמאכטע אויגן און א האלב-געעפנט מויל, האָט ער אויסגעזען ווי פארזונקען אין עקסטאז פון גליק; ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט פרייד און דאנק צו יענעם העכסטן כּוח, וועלכן מיר זוכן אינסטינקטיוו אין דער הייך) — האָט לוציע א דערשטוינטע דערזען אויף א רויטער און באגילדעטער שויב דאָס צעשמייכלטע פּנים פון דעם געל-האָריקן מיידעלע, וואָס ביים ארייננגאנג. שטום, פארגליווערט פון פארוואונדערונג, האָט זי אויף דעם פרעמדן פּנים ווידער געזען דעם זעלבן אויסדרוק פון שרעק און פון רחמנות.

און אין דערזעלבער רגע האָט דער גרויסער זייל, אין וועלכן זיי זענען געוועזן אָנגעלענט, זיך א וואקל געטון; די גאנצע קירך האָט א ציטער געטון. לוציע, אין וועלכער דאָס שטארקע הארצקלאַפּן האָט פארטויבט דעם קנאל פון אויפרייס און די געשרייען פון המון, האָט זיך, נישט האָבנדיק קיין צייט אפילו צו שרעקן זיך אָדער ליידן, א וואָרף געטון אויף פיערן, ווי א הון אויף אירע קליינע, כּדי אים באשיצן מיט איר אייגענעם קערפּער; פיער האָט געהאט פארמאכטע אויגן און געשמייכלט פון גליק. מיט א מוטערלעכער באוועגונג האָט

זי מיט אלע כּוחות צוגעדריקט דעם ליבן קאָפּ צו איר ברוסט·
זי האָט זיך איינגעבויגן איבער אים און צוגעדריקט אירע
ליפּן צו זיין האלז. זיי האָבן זיך ביידע איינגעשרומפּן.

און דער מאַסיוועוער זייל איז קראַכנדיק געפאַלן אויף זיי

אויגוסט, 1918.